STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08283

BEN HEKHT

Chaim Lieberman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בעז העכט:

דער מענש
און זיין „פּאַראַט"

אַן ענטפער אויף זיין ביטערער אַטאַקע אויף
די גרינדער און פירער פון מדינת ישראל

פון

חיים ליבערמאַן

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג „מוריה"

MORIAH PUBLISHING SOCIETY
140 West 87th Street
New York 24, N. Y.

BEN HECHT: *The Man and his "Perfidy."*

Copyright 1962, *by*
CHAIM LIEBERMAN
New York, N. Y.

Printed by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 East Fourth Street New York 3, N. Y.
253

בען העכט׳ס „פּערפידי״

אין די יאָרן פון דער מלחמה און אידישן חורבן, און לאַנג נאָכדעם, כמעט ביז היינטיגן טאָג, האָט מען אויף דער אידישער גאַס געמוזט קעמפן פאַר׳ן כבוד פון אונזערע מיליאָנען קדושים. געווען „פיינ־שמעקער״ צווישן אונז, דרויסן אויף דער זיכערער זייט, וואָס זיי איז ניט אָנגעשטאַנען ווי אַזוי אונזערע קדושים זיינען דאָרט געשטאָרבן, גייענדיג „ווי שאָף צו דער שחיטה״. זיי האָבן געפאָדערט אַ „שענערן״, אַ מער „קינסטלערישן״ טויט פון אונזערע ברידער. מ׳האָט זיך אַפילו געדונגען צי ס׳פּאַסט גאָר זיי צו באַשענקען מיט׳ן נאָמען „קדושים״. יע, געניוג חרפּה און פאַרשוועכונג איז אָנגעשוואַרצט געוואָרן אין דער זאַך.

גאָט צו דאַנקען, דידאָזיגע פאַרשוועכערישע צונג איז שוין צוגע־קלעפּט געוואָרן צו איר גומען. זי שוואַרצט ניט מער. דער אידישער אויער קען מער ניט פאַרנעמען קיין פאַרמינערונג פון דעם ערפאָרכ־טיגן כבוד פון דעם חורבן און זיינע קרבנות. אָבער עס זיינען נאָך געבליבן אַנדערע ציינגער מיט אַן אַנדער לעסטערונג. אַ לעסטערונג וואָס איז געווענדט אויף די לעבעדיגע אידן, נעמליך, אַז זיי — און דאָס מיינט אין תוך מיר, מיר אַלע — זיינען די אמת׳ע שולדיגע אין דעם טויט פון די זעקס מיליאָן: ניט די וועלט איז שולדיג, נאָר מיר אידן זיינען שולדיג.

די צונג וואָס רעדט אַזוי איז נאָך ניט איינגעטרוקנט געוואָרן, און די האַנט וואָס שרייבט אַזוי האָט נאָך ניט אָפּגענומען, און אַזוי ווי מיר האָבן פריער געקעמפט פאַר׳ן כבוד פון די טויטע, אַזוי מוזן מיר היינט קעמפן פאַר׳ן כבוד פון די לעבעדיגע.

געווען איז די דאָזיגע צונג געניוג שרייאיג פריער אויך, נאָר גע־וואָרן איז זי אַן אמת׳ע טרובע, אַן אָרקעסטער פון טרובעס און פויקן, מיט׳ן דערשיינען פון דעם בוך „פ ע ר פ י ד י״ פון דעם ענגליש־אידישן שרייבער ב ע ן ה ע כ ט.

„פּערפידי״ איז טייטש פ אַ ר ר אַ ט.

אַלע ווייסן, און שרייבער ווייסן עס בעסער ווי אַלע, ווי שווער עס איז צו געבן אַ בוך אַ נאָמען. אַ סך שווערער ווי צו געבן צען נעמען צו צען קינדער. אָבער זעלטן ווען איז אַ נאָמען אַזוי ריכטיג און פּינקט־לעך צוגעטראָפן געוואָרן צו אַ בוך ווי „פּערפידי" איז צו בען העכט׳ס ווערק, וואָס איז פון ערשטן זייטל ביז דעם לעצטן, פון דער ערשטער שורה ביז דער לעצטער, זיין אייגענע בגידה און פאַרראַט פונ׳ם טייערסטן און הייליגסטן ביים אידישן פאָלק.

איך וויל ניט באַהאַלטן מיין אויספיר ביז׳ן סאַמע סוף פון מיין איבערבליק און וועל אָפּגעבן מיין פּסק ביים סאַמע אָנהויב:

ביי בען העכט׳ן איז דאָ אַ ביכל וואָס הייסט: „קיוטי, עי וואָרם מאַמאַ". אויף אידיש קען עס איבערגעזעצט ווערן: „קיוטי, אַ הייסע נקבה׳לע". דאָסדאָזיגע ביכל איז שוין אַזוי „הייס", אַז העכט האָט עס געלאָזט דרוקן בלויז אין צוויי הונדערט עקזעמפּליאַרן. ניט פאַר׳ן מאַרק, הייסט עס, נאָר פאַר׳ן אייגענעם, אינטימען געברויך, פאַר זיך און גוטע פריינט.

זיין „פּערפידי" האָט ער אויך געדאַרפט דרוקן נאָר אין אַ באַגרע־ניצטער אויפלאַגע. דאָ וואָלט ער שוין צוויי עקזעמפּליאַרן געהאַט איבערגענוג: איינעם פאַר זיך, און דעם אַנדערן פאַר׳ן מיסטקאַסטן.

וואָרים ביידע, „קיוטי" און „פּערפידי", זיינען אין תוך באַלעבט פון דעמזעלבן גייסט. ס׳איז דער גייסט פון פאַרשוועכונג, לעסטערונג, אַנט־הייליגונג. אַ גייסט פון ניהיליזם. נאָר ביי „פּערפידי" מיט אַ סך גע־פערלעכערע קאָנסעקווענצן, פאַרשטייט זיך.

וואָרים אין „פּערפידי" גייט עס אין דער אידישער מדינה. „איך שרייב — מעלדעט העכט גלייך ביים אַריינפאָר צום בוך — וועגן דער רעגירונג פון מדינת ישראל". און רעגירונגען, זאָגט ער, האָט ער פיינט. און די רעגירונג פון מדינת ישראל, זעט מען, האָט ער שטאַרק פיינט. ממש שנאַת מוות. נאָר די רעגירונג פון ישראל איז צופעליג פון מענשן וואָס האָבן געשאַפן, אָדער געהאָלפן שאַפן די מדינה. זיי האָבן נאָך פריער, גאַנץ פריער, אויך געשאַפן די ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס האָט געשאַפן די רעגירונג.

קומט צוגיין בען העכט און דערציילט אַ מעשה נורא. נעמליך, אַז די דאָזיגע לייט, „בן־גוריון, שרת און קאָמפּאַני", ווי העכט רופט זיי אָן, נאָך אינאיינעם מיט חיים ווייצמאַנ׳ען ווען ער האָט געלעבט, האָבן געהאַט אַ פאַרשווערונג מיט ענגלאַנד צו מאַכן פון פּאַלעסטינע אַ

„אידנלאַזע" אַראַביש־ענגלישע פּאַלעסטינע, און ניט מער. דערפאַר האָבן זיי ניט געלאָזט קיין אידן פאָרן קיין פּאַלעסטינע נאָך פאַר דער מלחמה, און אויך ניט אינמיטן פון דער מלחמה, און אַזוי אַרום זיינען דורך זייער שולד אומגעקומען די זעקס מיליאָן. און דאָס „באַווייזט" העכט מיט דעם קאַסטנער־פּראָצעס.

דאָס איז דער נאַקעטער סקעלעט פון דער מעשה וואָס ווערט דער־ציילט אין „פּערפידיי". איך האָב עס איבערגעגעבן אַזוי ערליך ווי איך קען נאָר, און פאַרשטיי.

נאָר שוין פון דעם סקעלעט אַליין קען מען זען עפּעס דערפון וואָס דער מחבר האָט אויפגעטאָן: איבער דער קדושה פון ישראל האָט ער איבערגעצויגן אַ וואָלקן פון טומאה, און דעם שפּעריישסטן דור אין דער גאַנצער געשיכטע פון׳ם גלות, פאַר וועמען עס שטייט אַ שטראַלנדיגע קרוין אָנגעגרייט, האָט ער אָנגעטאָן דערנער.

וואָס האָט העכט׳ן געבראַכט צו שרייבן „פּערפידיי"?

קיינער וועט ניט פרעגן פאַרוואָס האָט ער געשריבן „קיוטי, אַ הייסע נקבה". דאָס איז זיין נאַטירליכער זשאַנער. דאָס האָט אים פּאָפּו־לער געמאַכט, און גרויס, און רייך, און גאווה׳דיג. אָבער „פּערפידיי", אַט דעם טויך מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ אין דער מיסטישער טיפעניש פון אידישן גורל, צו וואָס האָט ער געמאַכט?

בען העכט שענקט אונז אַליין אַ דערקלערונג. איבער דריי זייטן, 42, 43 און 44, ליגט זי אויסגעלייגט. אַביסל צו לאַנג, אָבער ס׳איז כדאי. און אָט איז דער קורצער זין פון דער לאַנגער פּרשה:

אייגנטליך וואָלטן די אידן אַליין געדאַרפט נעמען דעם רעזשים פון ישראל און אים צערייבן אויף פּוך און פאַרעך און צעבלאָזן אויף אַלע ווינטן. נאָר אידן זיינען צו קנעכטיש ווען עס קומט צו רעגירונג, ממשלה, מאַכט. „אויטאָריטעט" איז דאָס וואָרט וואָס העכט נוצט. און אָנשטאָט „קנעכטיש" פאַרווייסט ער דעם באַרשט מיט׳ן ווייכן אויסדרוק: „אַביסל עקסטראַ העפליך". און קיין וואונדער ניט: זיי זיינען אַזוי געוואוינט געוואָרן אין דעם פאַרשאָלטענעם גלות. און דידאָזיגע קנעכטישקייט איז זיי געבליבן אַפילו אין דער אייגענער מדינה. ס׳מאַכט זיי ניט אויס וואָס פאַראַ אויסוואורפן די מושלים זיינען, אַבי נאָר זיי זיינען מושלים, זיי זיינען אַ רעגירונג. בפרט נאָך אידישע מושלים, אַ אידישע רעגירונג.

אָבער ער, בען העכט, ווייסט ניט פון אַזאַ געפיל. ער איז פריי ווי דער ווינט אין פעלד און ווי דער פויגל אויפ׳ן פליגל. ער ווייסט ניט

פון קיין מורא. ער קען זיך ספּראַווען מיט די אידעלעך אַפילו ווען זיי זיינען מושלים אין אַן אייגענער מדינה. און פונוואַנען, מיינט איר, נעמט זיך צו אים אַזאַ שמשון הגבור׳ישע גבורה? איר וועט זיך גאָר־ניט ריכטן: דערפון — זאָגט ער — וואָס ער איז ניט געבאָרן געוואָרן אין ירושלים און איז ניט אויפגעצויגן געוואָרן ווי אַ איד.

"For I was not born in Jerusalem or trained as a Jew (p. 44).

ביידע זאַכן הפּנים מאַכן אַ מענשן געצוואונגען צו קנעכטשאַפט און גע־בויגענעם רוקן: ירושלים און אידישקייט. אָבער ער, בען העכט, איז גליקליכערוויז פריי פון ביידע זאַכן. ער פילט זיך אינגאַנצן ווי אַ גוי. ער איז אַ „גוי" פון שיקאַגאָ.

און וויבאַלד אַ גוי, קען ער אַפילו זאָגן „שמוציגער איד!" און ער זאָגט טאַקע, אוי זאָגט ער! און אַפילו נאָך ערגערס...

בען העכט האָט זיך דערלויבט צו שרייבן וועגן אידן ווי זעלטן ווען אַן אַנטיסעמיט האָט זיך דערלויבט.

און ס׳איז נויטיג דאָס אַריינצונעמען דאָ אין חשבון וועגן „פּערפידיע", ווייל עס געהערט צו דער מאָראַלישער געשטאַלט פון דעם מחבר און עס קלינגט אַרויס פונ׳ם גרונט פון דער „סימפּאַניע", וואָס ער האָט אויפגעגרילצט אין דעמדאָזיגן געמיינסטן פון ווערק.

„די אידן — שרייבט ער אין איין אָרט — אָפטמאָל בריען אויס אַ פּנים וואָס מיט זיין אידישליכקייט שטייגט עס אַריבער די קאַריקאַ־טורן פון דער גאַנצער אַנטיסעמיטישער פּרעסע. דידאָזיגע איד־פּנימ׳ער („דזשו־פּעיסעס") אין וועלכע די ראַסע סטאַרטשעט אַרויס און ברענט אַזוי ווי עפּעס אַ ביאָלאָגישע חולאת, מוז שאָקירן אַ וועלט וואָס איז געמישט אין ראַסן" — שיין, ניט אמת? אָבער לייענט ווייטער אויפ׳ן זעלבן אָרט:

„מענשן האָבן פיינט מ׳זאָל זיי דערמאָנען זייער אָפּשטאַם. זיי גיבן אַביסל אַ מיסטישן ציטער ווען זיי דערזעען אימיצן וואָס זעט אויס צו פיל ווי אַ פיש, אַ שרץ, אַ מאַלפּע אָדער אַ איד": אויך שיין, ניט אמת? אָבער איר זייט נאָך ניט פאַרטיג.

פאַראַן אין די אידן עפּעס אַזאַ „דעגענערירטע דריזע (גלענד) פון וועלכער עס קומט אַרויס דער איד מיט׳ן קאַלבאַסענעם פּנים; די אָנגע־בלאָזענע, דיאַבעטישע האַלב־מאַנסטערס, וועלכע זעען אויס גלייך ווי זיי וואָלטן אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פונ׳ם וואַסער אַ מאָנאַט צו שפּעט", דאָס הייסט מסתמא, אַרויס פון בויך, גלייך ווי זיי וואָלטן שוין דאָרט געלעגן טויט אַ חודש צייט.

נאָר איר זייט נאָך מיט בען העכט׳ן אַלץ ניט פאַרטיג. ער קען זיך גאָרניט אָפּעקלען געגוג פונ׳ם אידישן פּנים, און ער שרייבט ווייטער:

„דאָס אידישע פּנים איז אַ סימבאָל פון אַ שונא, אַן אַלטער צילברעט פאַר שפּייעכץ און, ווי אַ לאַנג געהאַסטע זאַך, איז עס אַן אמת׳ער מכשף־פּראָפּאַגאַנדיסט פאַר שנאה. עס דערהאַלט זיך אין דער וועלט ווי עפּעס אַן אָפּשטויסנדיגע און פּיינטליכע חיה, אַ האַלב־פאַרקריפּלטע, וואָס האָט אָבער אין אירע אידישע שטריכן, וועלכע קענען ניט אָפּגעמעקט ווערן, דעם צו־להכעיס און אַרויסרוף פון דעם ניט־פאַרענדיגטן קרבן״.

אַזוי האָט בען העכט „ליב״ דאָס אידישע פּנים. געצייכנט טאָקע פון אַ „גוי״, אָבער מ׳דאַרף לאַנג זוכן צווישן גויים אַזאַ מייסטערשטיק פון אַ אידישן פּאָרטרעט. אָט מיט אַזעלכע „אידישע״ ווערק, און מיט ווערק ווי „קיוטי״, האָט בען העכט פאַרוויילט זיין לעזערשאַפט. מיט זיי האָט ער געמאַכט זיין נאָמען און זיין פאַרמעגן.

דער אידישער פּאָרטרעט וואָס איך האָב אויבן געבראַכט קומט ניט פון „פּערפידי״. ער שטאַמט פון אַ פריערדיגן ראָמאַן מיט׳ן פּיקאַנטן נאָמען: „עי דזשו אין לאַוו״, די ליבעס פון אַ אידן. און מיר וואָלט אפשר ניט געקומען אויפ׳ן געדאַנק עס אַריינצוברענגען אין אַ קריטיק פון „פּערפידי״, ווען איך דערהער ניט פּלוצלינג אַ קלאָרן און שאַרפן עכאָ פון זיין אַלטער פאַראַכטונג צו אידן, אין אַ שורה וועגן „בן־גוריון, שרת און קאָמפּאַני״:

„ווען מ׳קוקט אויף זיי ווי אויף מענשליכע וועזנס („היומענס״) — שרייבט העכט — זיינען זיי כמעט ווידערוויליג״ (ז. 187). „פּריפּאָסטע־ראָוס״ איז דאָס וואָרט וואָס ער געברויכט: אומזיניג, הייסט עס, קאָמיש, אַבסורד, אָפּשטויסנדיג — בן־גוריון, שרת און ק א מ פּ אַ נ י, אַלע, אַלע דאָרט אין ישראל באַליידיגן מיט זייער אויסזען די עסטע־טישע געפילן פון אונזער אידישן גוי.

בען העכט, נאָך לאַנגע יאָר, האָט סוף־כל־סוף געפונען זיין צילברעט: מדינת ישראל איז דאָס קאָלעקטיווע אידישע פּנים, און „פּערפידי״ איז דער גרויסער שפּיי...

די דערציאונג פון אַ „נביא"

אַ גליק האָט געטראָפן בען העכט'ן, טאַקע נאָר אַ גוי'אישער מזל, וואָס ער איז ניט דערצויגן געוואָרן ווי אַ איד: און מיט עפּעס אַ מאָדנער צעדרייטער לאָגיק דרינגט ער דערפון אַרויס, אַז דאָס מאַכט אים אויסערסט פּאַסיג צו זיין אַ נביא ביי אידן.

אויב מ'וועט מיך פרעגן, שרייבט ער, צי איז דען דאָ ווייניג זינד און שאַנד וואו מ'קערט זיך און וואו מ'ווענדט זיך אין דער וועלט; פאַרוואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט דווקא אויף דעם קליינינקן, אָרימינקען אידישען מדינה'לע? וועל איך ענטפערן, זאָגט ער: די נביאים!

„וויפיל אידישקייט ס'איז דאָ אין מיר — שרייבט ער — שטעלט זיך אַוועק אין איין שורה מיט תמיר'ן און מיט די נביאים"...

תמיר איז דער אַדוואָקאַט וואָס האָט געפירט דעם פּראָצעס געגן קאַסטנער'ן. און די נביאים — זיי ווייסט מען ווער זיי זיינען.

„איך בין דער בת קול פון זייערע געשרייען — שרייבט ער וועגן זיך און די נביאים — זייערע געשרייען, אַז ליגן און צביעות, פאַרראַט און זינדיגע מעשים זיינען דאָפּלט שלעכט ווען זיי טראָגן דעם פיינעם נאָמען א י ד" (ז. 44).

גערעכט! נאָכדעם ווי ער אַליין האָט פאַרמיסטיגט דעם נאָמען איד, פאַרגליכן איד מיט מאָנסטער, שרץ און מאַלפּע, קען ניט שאַטן אַ ביסל רייניגונג. נאָר וואָס דען, אויפ'ן ריכטיגן אָרט און אויפ'ן ריכטיגן אַדרעס.

און מ'דאַרף ניט קיין בעסער אָרט ווי דאָ, און קיין בעסערן אַדרעס ווי בען העכט'ס.

לאָמיר אָנהויבן מיט אַ קוק אויף דער דערציאונג פון אַ נביא. דאָס איז גאָרניט שווער ביי העכט'ן. בען העכט איז זעהר באַרעדעווודיג וועגן זיך. איינעגע רופן עס עגאָאיזם, אַנדערע נאַרציזם. זאָל עס זיין וואָס עס וויל, אַבי מיר דאַרפן ניט גיין וויט זוכן. מיר געפינען אַ סך דערפון אין „פערפידי", נאָך מער אין זיין „גאַיד פאָר דהי בידעווילד", און גאָר אַ סך אין זיין „טשאַילד אָוו דהי סענטשורי".

„די ערשטע פינף און פערציג יאָר פון מיין לעבן — שרייבט ער אין „פּערפידי״ — האָב איך אַזוי געוואוסט וועגן אידישקייט ווי איך ווייס איצט פון רוים־וויסנשאַפטן. איך בין געווען גליקליך באַשעפטיגט ערגעץ אַנדערש און האָב ניט אַריינגעשמעקט אין קיין שולן, לאַדזש־מיטינגען און צדקה־אַסיפות וואָס זיינען אַזוי ליב ביי אידן״. אין זיינע האַי־סקול יאָרן, שרייבט ער אין זיין „גאַיד״ (ז. 64), האָט ער אויך ניט געהאַט קיין שום אידישן באַוואוסטזיין. „איך בין ניט געגאַנגען אין קיין שול, האָב ניט געלייענט קיין אידישע געשיכטע אָדער ליטעראַטור, האָב קיינמאָל ניט געהערט פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, און האָב זיך ניט צוגעהערט צו קיין וכוחים וועגן אידישע פראַגן״.

אַזוי איז ער געוואַקסן אין שיקאַגאָ. אויסגעוואַקסן, איז ער געוואָרן אַ רעפּאָרטער אין דער „שיקאַגאָ דעילי ניוס״. וואָס מ׳רופט אַ „פּאָליס רעפּאָרטער״. באַשריבן אומגליקן, פאַרברעכנס, אונטערוועלט. זיך גע־וואַלגערט אין די ליטעראַרישע קאַפייען, אין דער טעאַטער־וועלט, פלעגט אויסקריכן אַלע לעכער צו קלייבן מאַטעריאַל פאַר זיין צייטונג און פאַר זיינע דערציילונגען און ראָמאַנען. שפּעט אין די נעכט פלעגט ער זיך אַוועקלאָזן אין די קאַפייען, וואו די גענגסטער פלעגן זיך טיילן מיט זייערע חלקים, גנבים פלעגן באַגעגענען זייערע „אָפנעמער״, און אַלפאָנסן פלעגט פאַטשן זייערע „מיידלעך״.

דאָס איז געווען דער „ערגעץ אַנדערש״ וואו העכט איז געווען „גליק־ליך באַשעפטיגט״. (אין יענער צייט האָבן „בן־גוריון, שרת און קאָמפּאַני״ אין ארץ ישראל מיט דער נאָז די ערד געאַקערט).

קיין אָרט פאַר אידישקייט אָדער אידישן באַוואוסטזיין איז אין אַזאַ לעבן אין שיקאַגאָ, נאַטירלעך, ניט געווען. בלויז צוויי מאָל, ווי ער דערציילט, האָט ער זיך געטראָפן פּנים אל פּנים מיט אידישקייט.

איינמאָל איז ער געקומען אויספאָרשן עפּעס אַ מאָרד אין אידישן קוואַרטאַל און ער האָט געוואָלט טעלעפאָנירן אין זיין רעדאַקציע, אָבער ער האָט ניט געפונען קיין צוטריט צו קיין טעלעפאָן, ווייל אַלע געשעפטן זיינען געווען געשלאָסן. אַ פאַר׳חידוש׳טער האָט ער געפרעגט: וואָס פאַר אַ יום־טוב איז היינט? און אַן אַלטער איד האָט אים גע־ענטפערט: ס׳איז געוואָרן פינף און צוואַנציג יאָר זינט ביאַליק האָט אָנגעשריבן זיין ליד „דער אָדלער״.

„ביאַליק איז געווען אַ נאָמען וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט געהערט — דערציילט העכט — און אַז הונדערטער אידישע סוחרים זאָלן אַזוי פייערן אַ פּאָעט אין פּאַלעסטינע האָט מיך דערשראָקן״. און

ער האָט באַשריבן די זאַך אין זיין צייטונג און געזאָגט, אַז די אידן אין מאַקסוועל סטריט פעלט אַ קלעפּקע אין קאָפּ...

(אין דער צייט פון דערדאָזיגער מעשה האָט געבליט אַ העברעאישע און אידישע ליטעראַטור, און ביאַליק׳ס נאָמען האָט געקלונגען איבער גאָר דער וועלט).

נאָר עס שיקט זיך צו פרעגן אַן אומשולדיגע פראַגע: ווער האָט אַמאָל געהערט אַז אידן זאָלן מאַכן אַ יום־טוב, און אַ יום־טוב מיט געשלאָסענע געשעפטן, איבער אַ ליד פון אַ פּאָעט?

און די רבותא איז וואָס ביאַליק האָט גאָרניט קיין ליד „דער אָד־לער״...

ניין, ניט מיט קיין אָדלער איז די מעשה געווען: ס׳איז אַ קו געפלויגן איבערן דאַך...

אַזאַ איז געווען בען העכט׳ס ערשטער צונויפטרעף מיט אויטענטישער אידישקייט.

דאָס צווייטע מאָל איז עס געווען ווען אין שיקאַגאָ, דערציילט ער, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ „ציוניסטישער קאָנגרעס״ און ער איז געווען דער רעפּאָרטער פאַר זיין צייטונג. דאָ האָט ער געהאַט אַ געשפּרעך מיט לואי ד. בראַנדייס און שמריהו לעווין. עטליכע טעג האָט ער זיך דאָ געבאָדן אין אידישקייט, און מ׳וואָלט געקענט מיינען אַז עפּעס אַן איינדרוק וועט בלייבן קלעפּן אין אים. אָבער „אַ מאָנאַט שפּעטער — שרייבט ער — האָב איך אינגאַנצן פאַרגעסן די ציוניסטישע באַ־וועגונג... און כמעט דרייסיג יאָר נאָכדעם האָב איך קיינמאָל ניט געלייענט קיין וואָרט וועגן דעם ענין אָדער אַמאָל אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם״ (גאַיד״, ז. 69).

(אין יענער צייט האָבן וויצמאַן, בן־גוריון, שרת און קאָמפּאַני גע־שטורמט פעלקער און קאָנטינענטן מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג).

דערמיט ענדיגט זיך די שיקאַגער פעריאָדע, און אונזער צוקונפטיגער נביא קלייבט זיך אַריבער קיין ניו יאָרק.

אין ניו יאָרק, דערציילט העכט, איז ער אַריינגעפאַלן אין דער ליטע־ראַרישער און טעאַטראַלער וועלט, און צו זיין איבערראַשונג האָט ער געפונען אַז אַלע זיינען דאָ געווען אידן: שרייבער, פאַרלעגער, טעאַטער־אונטערנעמער, זשורנאַליסטן, הומאָריסטן, אַקטיאָרן, און שטאַרקע טרינ־קער, און „זייער איינציגע סינאַגאָגע איז געווען בראָדוועי״. אידן און דאָך ניט קיין אידן. „אפשר אין די אויגן פון די קעלנער״ זיינען זיי געווען אידן, שרייבט העכט, אָבער ניט אין זייערע אייגענע אויגן. „אונזערע וויכוחים — שרייבט ער — זיינען געווען אַזוי ריין פון

אידישע ענינים גלייך ווי מיר וואָלטן געהאַט געקומען פון דער לבנה... איך בין ניט געווען קיין איד אין שיקאַגאָ און בין געבליבן ניט קיין איד אין ניו יאָרק. ס'איז פאַר מיר געווען גאַנץ נאַטירליך אַז אַלע אידן אַרום מיר זאָלן אויך זיין ניט־אידן" („גאַיד", ז. 78). „איך האָב זיך שטענדיג באַטראַכט פאַר אומאידיש", שרייבט ער אין אַן אַנדער אָרט (טשאַילד אָוו סענטשורי", ז. 380). ער איז געווען אַ איד צופעליג, זאָגט ער דאָרט ווייטער, און האָט די צופעליגע ירושה אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַזוי ווי אַ קינדערשן צונאָמען.

(שפּעטער וועט ער פאַרוואָרפן חיים ווייצמאַנ'ען אַז ער איז געווען צופיל ענגלענדער און צו־ווייניג איד).

און מערקווירדיג איבער מערקווירדיג, וואונדער איבער וואונדער: קיין אַנטיסעמיטיזם האָט ער קיינמאָל ניט געזען און קיינמאָל ניט באַגעגנט, שרייבט ער. ניט אויף זיך און ניט אויף אַנדערע. ניט אין אַמעריקע און אַפילו ניט אין דייטשלאַנד. צוויי יאָר האָט ער פאַרבראַכט אין דייטשלאַנד, 1919 און 1920, אַלס קאָרעספּאָנדענט פאַר דער שיקאַגאָ „דעילי ניוס", און האָט דאָרט, זאָגט ער, ניט געפילט קיין אַנטיסעמי־טיזם, ניט אין דער געזעלשאַפט און ניט אין דער פּרעסע און ליטע־ראַטור.

אָפּטמאָל וואונדער איך זיך ווי אַזוי העכט האָט געקענט זיין אַ גוטער רעפּאָרטער ווען ער באַאָבאַכטעט אַזוי ווייניג וואָס אַרום אים טוט זיך. אין זיין צייט זיינען איבער אַמעריקע אַריבער עטליכע כוואַליעס פון אַנטיסעמיטיזם: דער קו קלוקס קלען, פאָטערל קאָגלין, העגרי פאָרד מיט זיינע „זקני ציון פּראָטאָקאָלן" און דער נאַצישער „בונד" אין אַמעריקע, מיט די סוואַסטיקאַס, מיט די נאַצישע אוניפאָרמס, אַ קאָפּיע פונ'ם נאַציזם אין דייטשלאַנד. און דער דייטשישער נאַציזם האָט שוין געברענט אַ וועלט. און בען העכט, ניט ער זעט, ניט ער הערט.

אַזוי אידיש־אַטראָפירט איז ער געווען, און אַזוי אידיש־אומפילבאַר קען הפנים ווערן אַ איד וואָס דערוווייטערט זיך.

בען העכט פאַרפעלט אונז אויך ניט צו באַריכטן, אַז ער איז געווען זעהר קאַלט צו אַרבעטער־פּראָבלעמען אויך.

(אין יענער צייט האָבן „בן־גוריון, שרת און קאָמפּאַני" אין פּאַלעסטינע געבויט די הסתדרות).

נאָר אָט קומט דאָס יאָר 1939, די מלחמה און דער חורבן הויבן זיך אָן. „אין יאָר 1939 בין איך געוואָרן אַ איד", שרייבט בען העכט. פאַר־וואָס? וואָס איז אים שלעכט געווען צו בלייבן ווי געווען: ניט קיין איד, ניט קיין גוי?

ווער ווייסט, אפשר האָט ער אין שטרייכער׳ס און געבעלס׳עס פּראָפּאַ־גאַנדע, וואָס האָט דעמאָלט פאַרהילכט די וועלט, דערהערט אַן עכאָ פון זיינע אייגענע רייד און מעשיות וועגן אידן...

נאָר ווי די מעשה זאָל ניט האָבן געווען, בען העכט איז ענדליך געוואָרן אַ איד.

נאָר ווי אַזוי ווערט מען פון דער העלער הויט אַ איד? העכט דער־ציילט: גאָר פשוט, ער האָט זיך איינגעשאָפּט גרעצ׳עס „געשיכטע פון אידן", און ניט די פאַרקירצטע, נאָר דווקא די גרויסע, די גאַנצע, אַלע פינף בענדער, און ער פאַרזיכערט, אַז ער האָט זיי אַלע איבערגעלייענט.

איבערגעלייענט, איז ער באַלד, פאַרשטייט זיך, געוואָרן ניט נאָר אַ איד, נאָר אַ איד אַ למדן, און ניט סתם אַ למדן, נאָר אַ למדן אויפ׳ן שניט פון דעם רמב״ם. וואָרים ער האָט ניט פאַרזאַמט, נאָר זיך גלייך אָוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ נייעם רמב״ם, צו באַלערנען די וועלט אין אידישקייט. בפירוש אַ נייעם רמב״ם. ער האָט אָנגעשריבן אַ נייעם „מורה נבוכים". אַ בוך טאַקע מיט דעם זעלבן נאָמען. דעם רמב״מ׳ס הייסט אויף ענגליש „גאַיד טו דהי פּערפּלעקסד", און בען העכט׳ס הייסט „גאַיד פאָר דהי בידעווילד", וואָס דאָס איז די זעלבע זאַך (דער־שינען אין 1944).

און אָט זיינען אייניגע מוסטערן פון בען העכט׳ס תורה:

העכט פרייט זיך ממש ווי אַ קינד מיט אַ גרויסער אַנטדעקונג וואָס ער האָט געמאַכט, און אַ געפינס וואָס ער האָט געפונען: ער האָט גע־פּאַקט דעם ערשטן אַנטיסעמיט! דעם סאַמע ערשטן אין דער היסטאָריע. און דאָס איז ניט „קיין אַנדערער", ווי מ׳זאָגט אויף לאַדוש־מיטינג־שפּראַך ווי — אַחאָב, דער קעניג אַחאָב. געפּאַקט אַזאַ העכט, גיט אים בען העכט די אמת׳ע גאָב, ווי עס פאַרדינט דער פאָטער פון אַלע אַנטי־סעמיטן. זיין ווייב איזבל קריגט אויך איר פאַרדינטן חלק.

קעניג אַחאָב איז געווען אַ פעניצישער קעניג, שרייבט בען העכט אין בריטן, פאַרנעם־אַנגעבלאָזענעם שטייגער, מעשה גרויסער ווייסער, אין זיין „גאַיד" (ז. 97 און ווייטער). זיין הויפּטשטאָט האָט געהייסן צור. זיין לאַנד האָט זיך געגרעניצט מיט׳ן אידישן לאַנד, און ווען אַחאָב פלעגט אַריבערקוקן איבערן „פאַרקאַן" און זען וואָס עס טוט זיך ביי די אידן, פלעגט אים פלאַצן די גאַל פון קנאה. די קנאה איז אַריבער אין שנאה. ניט צוליב זייער אמונה: זייער אמונה — שרייבט העכט — האָבן די אידן דעמאָלט שוין געהאַט לאַנג פאַרוואָרפן; ניט צוליב זייער לאַנד: ווען אַחאָב האָט געקיניגט אין צור, שרייבט העכט, איז די גרויסקייט פון די אידן אַלס פאָלק שוין געווען פאַרביי... די

אידישע מלוכה איז שוין געווען אַן עפּילאָג... פאַרוואָס דען האָט אַחאָב פיינט געהאַט די אידן? פאַר דער רירעוודיגקייט פון זייער גייסט, שרייבט העכט, מיינענדיג אַז דערמיט האָט ער אַנטדעקט די אמת׳ע גרונט־סיבה פון׳ם אַנטיסעמיטיזם.

די אַנטיסעמיטן, זאָגט העכט, וואָלטן זיך באמת געדאַרפט רופן אַחאָביטן.

נון, אַלץ וואָלט געווען גוט און שיין און פיין, ווען ס׳וואָלט נאָר אמת געווען. ווען עס וואָלט נאָר געהאַט די מינדסטע שייכות מיט היסטאָרישערווירקליכקייט.

אַחאָב איז ניט געווען קיין פעניצישער קעניג, נאָר אַ אידישער. זיין הויפּט־שטאָט איז ניט געווען צור, נאָר שומרון. ער איז ניט געווען קיין אַנטיסעמיט, נאָר גראָד אַ גרויסער פּאַטריאָט. אליהו הנביא איז געלאָפן פאַר זיין רייטוואָגן. זיין גרויסע זינד איז געווען דאָס וואָס ער האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון זיין פעניצישער ווייב איזבל צו עבודה זרה. טראָץ דעם, זאָגן די חז״ל, האָט ער שטאַרק ליב געהאַט די תורה.

אין זיין צייט איז די אידישע גרויסקייט נאָך ניט געווען קיין עפּילאָג, זי האָט ערשט געהאַלטן אינמיטן פּראָלאָג. ס׳איז נאָך לאַנג נאָכדעם געשטאַנען דער ערשטער בית המקדש. ס׳האָט ערשט געדאַרפט קומען די עפּאָכע פון די גרויסע נביאים, דאַן דער חורבן בית המקדש, גלות בבל, שיבת ציון, דערנאָך די עפּאָכע פון צווייטן בית המקדש, דאַן די עפּאָכע פון די חשמונאים, און פון תנאים — אַלץ, אַלץ איז נאָך געלעגן פאָראויס.

פונדאַנען זעען מיר ווי גוט בען העכט האָט געלייענט זיין גרעצ׳ן. מ׳דאַרף האָפן אַז זיינע פאַקטן אַלס רעפּאָרטער זיינען געווען פּינקט־ליכער ווי אַלס היסטאָריקער...

דער „גאַיד״ איז דערשינען אין 1944, און „פּערפידי״ אין 1961, און אין דעם משך פון די זיבעצן יאָר צווישן די צוויי ביכער, האָט ניט בען העכט אַליין, ניט קיינער אין זיין גייסטיגן אַנטוראַזש, זיך אַרומגעזען וועגן דער נאַרישער עם הארצות מיט׳ן פאָטער פון די אַנטי־סעמיטן, קעניג אַחאָב. וואָרים אין „פּערפידי״ פירט ער אים ווידער אַרויס און שטעלט אים צום שאַנדקלאָץ פון אַנטיסעמיטיזם. גלייך אין דעם פאָרוואָרט, וואו אונזער מחבר שטעלט אַרויס זיין יחוס, יחוס׳ט ער זיך אויך מיט דעם וואָס זיינע „אָבות זיינען אַרויסגעיאָגט געוואָרן פון אַ פּאָר צענדליג לענדער, און זיינען פאַרלוימדעט און מיסהאַנדלט געוואָרן זינט דער צייט פון אַחאָב און איזבל״.

נון, האָבן מיר דערקענט בען העכט'ן אַלס היסטאָריקער, אין זיין דערציאונג אויף זיין וועג צו נביאות. מיר וועלן אויך זען אַ צווייטן מוסטער: זיין אָפּשאַצונג און ווערטונג פון אידנטום, פון דעם תנ"ך, פון דער אידישער טראַדיציע, פון די אידישע אבות אבותינו. אין דעמזעלבן „גאַיד" מאַכט ער אַ סך הכל וואָס איז אַלץ מבטל, שרייבנדיג, אַזוי צו זאָגן:

„דער איד... איז לאַנג איבערגעוואַקסן די מפיל־קינדישע מעשים פון זיינע ביבלישע אָבות. ער האָט פונקט אַזאַ שייכות צו דוד'ס מער־דערייען, און צו שלמה'ס האַרעמס, ווי דער היינטיגער פראַנצויז צו די מיסטיציזמען פון די טעמפל־ריטער. אידנטום, ווי אַן אמונה, איז אַן איבערבלייבעכץ פון אַן אַלטער זאַמלונג באָבע־מעשות" („גאַיד", ז. 26).

איך האָב זיך לאַנג געקווינקלט צי איך זאָל מטמא זיין מיין פעדער און איבערגעבן דאָסדאָזיגע ביסל גייסטיגע מיסט, מחמת חילול השם. און איך האָב באַשלאָסן, אַז ס'וועט זיין אַ גרעסערער חילול השם עס צו פאַרשוויַיגן; אַדרבא, זאָלן אידן זען דאָס גאַנצע און פולע פנים פון דעם, וואָס האָט זיך אויפגעשטעלט דורכצופירן אונטער זיין רוט די אידישע מדינה און דעם דור פון דער מדינה.

נאָך אַזאַ שרייבן האָט אַ מענש פאַרלאָרן יעדן זכות אויף אינטעלעק־טועלער באַגלויבטקייט און ווירדע.

דאָך קומט ער צו אונז, באַרופן פון זיך אַליין צו זיין אַ נביא ביים פאָלק ישראל...

דער לאַקאָמאָטיוו

אין יאָר 1939, ווי מיר האָבן געזען, איז אונזער נביא בען העכט געוואָרן אַ איד. און ער האָט אָוועקגעמאַרשירט ממש מיט ריזן־שריט; צוויי יאָר שפּעטער איז ער שוין געווען אַ „ציוניסט".

געמאַכט פאַר אַ ציוניסט האָבן אים פּיטער בערגסאָן און שמואל מערלין, צוויי פירנדיגע רעוויזיאָניסטן, וועלכע זיינען אין דער מלחמה און חורבן געקומען קיין אַמעריקע און האָבן דאָ אויפגעהויבן אַן ענער־גישע באַוועגונג צו ראַטעווען די אידן פון די נאַצישע נעגל. זיי האָבן געוואָלט דורכברעכן די טויבע וואַנט פון דער ענגלישער פּרעסע, וועלכע איז געווען טויב, שטום און בלינד צו דער אידישער טראַגעדיע. בען העכט איז דעמאָלט געווען אַ קאָלומניסט אין דער „פּי. עם." און האָט שוין געשריבן „אידישליך". בערגסאָן און מערלין, מיט אַ געזונטן חוש, האָבן געוואָרפן אַן אויג אויף העכט'ן. זיי האָבן אים געוואונען.

אין זיין בוך „עי טשילד אָוו דהי סענטשורי" (ז. 525), באַשרייבט העכט זיין ערשטן שמועס מיט די צוויי פאַרצוויפלטע אָבער פייערדיגע אידן. ס'איז אַ קלאַסישע באַשרייבונג פון דער אויסגעטריקנטער נשמה פון אַן אַסימילירטן אידן. די צוויי רעוויזיאָניסטן האָבן גערעדט צו אים וועגן ראַטעווען אידן קיין ארץ־ישראל אונטער דער אידישער פאָן מיט'ן מגן דוד. דערהערט מגן דוד, אָדער „סטאַר אָוו דעיווידּ", האָט העכט פאַרוואָרפן הענט און פיס. ער האָט ניט געהאַט קיין שום אָנונג, שרייבט ער, אַז דער מגן דוד האָט ערגעצוואו אַ לעבדיגע באַ־דייטונג. ער וויס, האָט ער זיי געזאָגט, אַז דער מגד דוד איז אַ שטיקל דעקאָראַציע אין די שולן, אָבער ער גייט ניט אין קיין שול און איז ניט פאַראינטערעסירט אין קיין רעליגיעזע אידישע סימבאָלן. ער און זיינע אידן, זאָגט ער אין אָרט, זיינען שוין „טויזנט יאָר אָוועק פון דער סינאַגאָגע". וואוהין ער גייט יע אָפט, איז צו פּרייז־פּאַיטס, און דאָ — פון אַלע ערטער דווקא דאָ! — זעט ער יע אַמאָל דעם מגן דוד, האָט ער זיי געזאָגט, אָבער ווייסט איר וואו? אויף די קורצע הייזלעך פון סענ־טימענטאַלע אידישע באָקסערס אָדער פּרייז־פּאַיטערס. אָבער ס'מאַכט אויף אים אַ קנאַפּן איינדרוק.

בכלל, שרייבט ער, האָט ער ניט געוואוסט אַז עס זיינען ערגעץ דאָ מענשן מיט דער מאָדנער ליידנשאַפט זיך דווקא אַרויסצושטעלן ווי אידן: ווידער איז אַרויסגעשפּרונגען דער „גוי"...

זיינע צוויי שמועסער האָבן אים אַריינגעפירט אין דעם געדאַנק פון אידישן נאַציאָנאַליזם, אָבער ער האָט גע׳טענה׳ט: „איך האָב קיינמאָל ניט געהאַלטן אידן פאַר אַ פאָלק און איך זע ניט קיין שום זין אין אַרומגיין אין לבנה־נעכט און חלומ׳ען וועגן דוד און שלמה אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען היינצייטיגע מאָנאַרכן".

פאַר אים, האָט ער געזאָגט, איז דאָס גאַנצע אידישע פאָלק — זיין טאַטע־מאַמע, און זיינע פעטערס און מומעס.

און ווען מערלין און בערגסאָן האָבן אים אויפגעקלערט, אַז אָהן ארץ ישראל האָבן די אידן קיין צוקונפט ניט אין דער וועלט, האָט ער עס געמאַכט צו חוזק, ענטפערנדיג:

אין שיקאַגאָ איז דאָ אַ קלוב פון איירישע פּאַטריאָטן, און יענע טענה׳ן אויך, אַז אָהן אַ פרייער איירלאַנד האָבן די איירישע אין ערגעץ קיין צוקונפט ניט...

דאָך איז ער צוגעשטאַנען צו דער גרופּע מערלין־בערגסאָן. „איך בין געוואָרן אַ פּראָפּאַגאַנדיסט פאַר אידן" — אַזוי באַשרייבט ער און באַטאָנט עטליכע מאָל, זיין ראָלע אין דער רעטונגס־אַרבעט וואָס האָט זיך דאַן אַנטוויקלט מיט גרויס שטורם.

פון „פּראָפּאַגאַנדיסט פאַר אידן" ביז „איד" איז זעהר אַ ווייטער מהלך. אַ מהלך וואָס בען העכט האָט קיינמאָל ניט געדעקט ביז׳ן סוף...

נאָר דאָ בלייבט מען שטיין פאַר אַ שטיקל רעטעניש. בען העכט שטעלט זיך דאָ אַרויס ווי אַ תם, וואָס האָט נאָך אין 1941 נעבעך גאָר ניט געוואוסט פון ציוניזם. פרעגט זיך: ווי אַזוי זשע האָט ער, נאָך אין 1931, אין איינעם פון זיינע ווערק, געקענט מיט אַזאַ פולן מויל באַשפּייען דעם ציוניזם און זיינע אידעאַלן?

איך גיי דאָ צוריק צו זיין ראָמאַן „עי דזשו אין לאָוו". דאָס איז דער ראָמאַן וואו ער האָט מיט אַזאַ „קינסטלערישן" עקל אָפּגעמאָלן דאָס אידישע פנים, דאָס שיינע, פאַרגייסטיגטע, אויסגעהייליגטע אידישע פנים. דער העלד פון דעם ראָמאַן האָט אַ שוועסטער, וועלכע איז אַ ציוניסטקע. דער ברודער טענה׳ט, אַז אונטער איר ציוניזם באַהאַלט זיך אין דער אמת׳ן אַ געפיל פון שעמען זיך וואָס זי איז אַ אידישע. שעמען זיך מיט אידן איז טאַקע די ריכטיגע זאַך, נאָר ציוניזם איז בלויז אַ פייגנבלעטל צוצודעקן די שאַנד. און ער זאָגט צו איר, אַזוי צו זאָגן:

„כדי שלום צו מאַכן מיט'ן פשוט'ן פאַקט אַז דו ביסט אַ איד, דאַרפסטו זיך אַריינלאָזן אין אַ גרויסער, ציטערדיגער אידישער אויפ־לעבונג" („דזשו רענעסאַנס"). דו שטאָפּסט זיך אָן דיין אָרימען קליינעם פאַרשעמטן קאָפּ מיט איד־אידעאַלן. די אידן, רעדסטו זיך איין מיט דיין גוי'אישן אַקצענט, זיינען אין אמת'ן ניט קיין ווערימדיגע ראַסע פון ,קלאָוק און סוט' קאָמיקער, פּאַריאַהס און פּראַצענטניקעס, נאָר אַ ראַסע פון פּאָעטן, פּאַסטיכער, העלדן, געלערטע, שטאַטסלייט — בקיצור, שיינע נשמות מיט אַן אָנשטענדיגער ליבע צו אַ לאַנד. וועלכעס לאַנד? וועלכע געלערטע? וואו, וואָס פאַר אַ פּאַסטיכער? פּאַלעסטינע איז דער ענטפער. דו פאַרגעסט די שיפלות פון דעם אידן דורכ'ן פּשוט'ן מיטל וואָס דו טרוימסט וועגן אים אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַ דייטש אָדער אַן ענגלישמאַן מיט אַ פאָן, אַ פּאַרלאַמענט און אַ פלאָטע. דו רעדסט זיך איין אַ פאַרבלענדעניש אַז אידן זיינען נאָבליים, און דאָס העלפט דיר אַריבערצוטראָגן דיין אייגענע אידישקייט" („עי דזשו אין לאָוו", 1931, ז. 145).

אויף אויסצולאַכן דעם ציוניזם, באַשפּאָטן די נאַציאָנאַלע אידייע, צו קליינגעלט מאַכן די גרויסע מאַסנבאַוועגונג וואָס האָט געשטורמט די וועלט — דערויף האָט בען העכט'ן געקלעקט ציוניסטישע תורה נאָך מיט צען יאָר פריער, פאַר דער קנעלונג וואָס עס האָבן מיט אים געקנעלט צוויי ציוניסטן, פאַר וועלכע ער האָט זיך געמאַכט אַזוי תמ'ע־וואַטע.

נאָר לאָמיר איבערלאָזן בען העכט'ן דעם „למדן" און „נביא", און צוריקגיין צו בען העכט דעם „פּראָפּאַגאַנדיסט פאַר אידן".

בען העכט זאָגט אויס וועגן זיך אַ מאָדנעם אמת. ער דערציילט, אַז די איינציגע אידן אין זיין לעבן וואָס ער האָט ליב געהאַט זיינען נאָר געווען זיין אייגענע משפחה, טאַטע־מאַמע, און פעטערס און מומעס. דאָס איז געווען זיין אידיש פאָלק און זיין אידיש היימלאַנד. דאָס געפיל פון אַהבת ישראל איז אים אינגאַנצן פרעמד געווען. „כאָטש איך האָב קיינמאָל ניט געלעבט ווי אַ איד — שרייבט ער — אָדער אַפילו צווישן אידן, איז מיין פאַמיליע געבליבן אַזוי ווי אַ היימלאַנד אין מיין האַרצן". און דאָ קומט זעהר אַ מאָדנער ווידוי:

„אַ סך דערפון וואָס איך האָב געטאָן ווי אַ פּראָפּאַגאַנדיסט פאַר אידן, איז געטאָן געוואָרן ווייל איך האָב ליב געהאַט מיין פאַמיליע", שרייבט ער.

ניט ווייל ער האָט מיטגעטראָגן די טראַגעדיע פון זיין פאָלק, און אַפילו ניט דערפאַר וואָס ער האָט מיטגעליטן די ליידן פון די אידן

אין די נעגל פון דער פאַרצוקענדיגער דייטשישער בעסטיע; אַט די אידן פאַר וועלכע ער אַליין האָט אַזוי פייערדיג געקעמפט. זיי זיינען אים געווען, שרייבט ער, צו ווייט אין מרחק, צו אומבאַקאַנט אין זייער וועזן און צו פרעמד גייסטיג. דאָס געפיל וואָס ער האָט געפילט פאַר זיי רופט ער אָן „וויקעריאָס פעין", אַ מין במקום־ווייטאָג, קאַמופלאַזש־ווייטאָג, הייסט עס. און איך וואָלט זיך עס ניט פאַרגעשטעלט, איך וואָלט עס קיינמאָל אין לעבן ניט געגלויבט, ווען איך הער עס ניט פון זיין אייגענעם מויל, אַז ער איז גאָרניט פעאיג מיטצופילן אמת'ע ליידן, ער ווייס גאָרניט וואָס מיטלייד איז...

און ער דערציילט, און דערציילט גאַנץ אויספירליך: דאָס קלענסטע ליידן אויף דער בינע אין טעאַטער ברענגט אים טרערן אין די אויגן. די קלענסטע עוולה וואָס ווערט געטאָן צו אַ מענשן אין אַ דראַמע זעצט אים אַריין אין אַ שווערן אומעט אויף גאַנצע טעג. דערפאַר גייט ער כמעט ניט אין טעאַטער. ער שרייבט אַליין פּיעסן, פאַר טעאַטער, פאַר פילם, פאַר ספּעקטאַקלען, אָבער טעאַטער אַליין מאַכט אים קראַנק. דערפאַר אָבער —

„ווען עס קומט צו רעאַלע ליידן — דאָ לייד איך קיינמאָל ניט. איך דענק נאָר וועגן זיי. דאָס איז געווען אמת אויך וועגן די אידן אין אייראָפּע" („עי טשאַילד אָוו דהי סענטשורי", ז. 428).

אַ זעלבסטפּאָרטרעט פון זעלטענער קוואַליטעט. אַ פּאָרטרעט פון אַ מענשן וואָס איז ניט פעאיג, ניט אויף ליבע און ניט אויף רחמנות. ליבן קען ער נאָר די סאַמע אייגענע פאַמיליע, אַזוי ווי אַ קאַץ אירע קעצעלעך און אַ הינטיכע אירע הינטעלעך, און מיטלייד און רחמנות קען ער נאָר געבערן טעאַטראַלישע, מאַסקירטע, פּאַפּירענע, געקינסטל־טע, אויסגעצ'מוח'טע, ניט קיין רעאַלע, ניט אַזעלכע וואָס פליסן אַרויס פון לעבעדיגן בלוט און פלייש, און גיסן זיך אויס אויף לעבעדיגן בלוט און פלייש.

אַ טבע אַזאַ, אַ מוח אַזאַ.

און ער דערציילט אַ מעשה נורא ממש, ווי אַן אילוסטראַציע. ס'האָט מיט אים געטראָפן אויף אַ וואָקזאַל. ער איז געקומען באַגעגענען אַ צוג. ס'האָט געדאַרפט אָנקומען עפּעס אַ שטאַטסמאַן, מיט וועלכן ער האָט געדאַרפט האָבן אַן אינטערוויו. דערווייל האָט ער געזען ווי עס שטייט אַ לאָקאָמאָטיוו, און אונטער'ן לאָקאָמאָטיוו ליגט אויסגעצויגן אַ מאַן וואָס טוט דאָרט עפּעס פאַרריכטן, און דעם מאַנ'ס פיס האָבן אַרויס־געשטעקט אינדרויסן אויף דער זייט רעלסן. דער לאָקאָמאָטיוו איז געווען אַקטיוו, ס'איז געגאַנגען פון אים אַ פּאַרע. בען העכט איז געשטאַנען און

האָט געוואָרט צו זען וואָס דאָ וועט זיין מיט דעם לאָקאָמאָטיוו, דעם מאַן און די פיס. פלוצלונג האָט דער לאָקאָמאָטיוו זיך גערירט, האָט זיך אָנגעהויבן ראָלן און אין אַ רגע זיינען דעם מאַנ׳ס פיס געווען אָפּגעשניטן און זיינען געבליבן ליגן גלייך פאַר העכט׳ן.

ס׳איז געוואָרן אַ ליאַרם, מענשן האָבן אָנגעהויבן לויפן צום אָרט פון אומגליק. אָבער ער, דערציילט בען העכט, איז זיך רואיג אַוועק צו זיין שטאָטסמאַן און האָט רואיג געהאַט זיין שמועס. און די סצענע מיט די אָפּגעשניטענע פיס איז אַראָפּ פון אים ווי וואַסער פון אַ גאַנז. אַ קאַלטער גזלן. ס׳איז ניט געווען קיין טעאַטער, ס׳איז געוועןווירקליכקייט...

ערשט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט ער די גאַנצע סצענע געזען נאָכאַמאָל אין שלאָף, אין חלום. ווען ער איז אויפגעשטאַנען האָט ער די מעשה אויפגעשריבן און אַריינגעגעבן אין זיין צייטונג.

דאָ האָט איר אַ ווייסן אמת אויף אַ שוואַרצער טאָץ אונטערגעטראָגן. אָדער אַ שוואַרצן אמת אויף אַ ווייסער טאָץ, ווי איך געפעלט בעסער. ס׳באַפאַלט אַן אימה, ווי איר זאָלט עס ניט נעמען.

אָבער ס׳איז אַ שליסל צו אַ כאַראַקטער. ס׳איז דער שליסל צו „פּערפידי״.

אין „פּערפידי״ איז בען העכט אַליין יענער לאָקאָמאָטיוו. אין ענגליש איז דאָ דער אידיאָמאַטישער אויסדרוק „עי בול אין עי טשיינאַ שאָפּ״, אַ שטיר, אַן אָקס אין אַ סקלאַד פון גלאָזוואַרג. בען העכט אין זיין „פּערפידי״ איז אַ לאָקאָמאָטיוו אין אַ סקלאַד פון גלאָזוואַרג און פּאָרצעליי. ער טראָגט זיך דאָ ווי אַ געפּיללאָזע מאַשין און שניידט אָפּ פיס, האַקט אָפּ הענט, ברעכט קעפּ, פליקט שטיקער פון צאַפּלדיגע קערפּערס, טרעט אויף לעבעדיגע און אויף טויטע, אָהן שום באַרעכנשאַפט, אָהן שום ריקזיכט אויף פאַקטן, אָהן דרך ארץ פאַר דער געשיכטע, אָהן אחריות פאַר אַן עפּאָכע, אָהן קענטניש פון אידייען, אָהן באַגריף פון אידעאַלן, אָהן חוש פאַר די ניואַנסן פון געשעענישן, זיגלאָז, געוויסנלאָז.

נון, זיינען מיר אָנגעקומען צו אַ סטאַנציע. מיר האָבן זיך באַקענט מיט דער פּערזאָן בען העכט. מיר האָבן אים קענען געלערנט ווי אַ „איד״, ווי אַ „למדן״, ווי אַ „נביא״ און ווי אַ „צדיק״. מיר וועלן איצט צוטרעטן צו דעם בוך גופא און ווען אים דערקענען ווי אַ מערדער פון אמת און אַן אונטערצינדער פון בית המקדש!

אַ בענדל אין לאַץ

אין זיין אויטאָביאָגראַפישן ווערק שרייבט בען העכט וועגן די לע־רערינס וואָס ער האָט געהאַט אין זיינע שול־יאָרן, און ער זאָגט:

„מיינע לערערינס, די אומעטיגע און אָנגעשמינקטע הורן פון מיין יוגנט"... (טשאַילד אָוו דהי סענטשורי", ז. 184).

וואָס פאַר אַ מין מענטש דאַרף זיין איינער, און וואָס דאַרף זיין די מענטאַליטעט פון אַזאַ איינעם, וואָס האָט געקענט פון זיין פעדער אַרויסלאָזן אַזאַ שורה?

ער דאַרף זיין אַ בען העכט, און זיין מענטאַליטעט אַ בען העכטישע, אַ „קיוטי"־מענטאַליטעט...

אונטער דער דאָזיגער מענטאַליטעט ווערט אַלץ דערפירט צו געמיינ־הייט. דאָ איז אַ קליינגקייט, בלויז אַ קריץ מיט דער פען, צו נעמען די לערערינס און דערציערינס פון אַ פאָלק און שאַפן וועגן זיי אַ גייסטיגע פאַרשטעלונג פון זונות.

דיזעלבע מענטאַליטעט האָט בען העכט, אין „פערפידי", געלאָזט שפּילן אויף די פירער פון ישראל, אויף חיים וויצמאַנ'ען, „בן־גוריון, שרת און קאָמפּאַני", וועלכע ער זעצט אויף דער באַשולדיגונגס־באַנק און קלאָגט זיי אָן אין דעם מורא'דיגסטן מאָרד אין דער געשיכטע, אין דעם מאָרד פון זעקס מיליאָן אידן דורך די נאַציס.

לאָמיר אַ קוק טאָן נענטער אויף די אָנגעקלאָגטע. ווער זיינען זיי?

זיי זיינען אַלע נאַציאָנאַלע פיגורן: די פירער און רעגירער פון ישראל, פאַרשטייער פון דער אויסגעבענקטער און קוים דערלעבטער אידישער מדינה, אויסגעוויילטע פאַרטרעטער פון פאָלק, מענער וואָס אָן עפּאָכע האָט אויסגעקליבן צו גרויסקייט, מענשן וואָס מיליאָנען באַוואונדערן, אַכטן און ליבן; מענשן וואָס האָבן זוכה געווען אַז אין טויזנטער שוהלן איבער דער גאַנצער וועלט, שבת און יום טוב, זאָלן אידן מיט „מי שברכ'ס" בענשן זיי און זייער ווערק.

דער גאַנג פון אַן אָנקלעגער געוויינליך איז, די ערשטע זאַך, צו פאַר־ניכטן דעם כאַראַקטער פון דעם אָנגעקלאָגטן אָדער אָנגעקלאָגטע. און דאָס טוט בען העכט מיט אַלע כוחות. זיין גאַנצער אַנטי־אידישער עקל

איז אים ניט גענוג און ער קען גאָרניט אַרויפשרויפן גענוג „נביא׳אישן״ גרימצאָרן צו פאַר׳מיאוס׳ן זיינע באַשולדיגטע. „פאַררעטער״ רופט ער זיי און וואָס אין דער קאָרט שטייט. הערט זיין מענה לשון:

קליקע, באָסעס, קנעכט, היפּאָקריטן, קאַליפן, צעזאַרס, סאַטראַפּן, נאַבאָבן, קליגלס, איוואַן גראָזניס, נאַציס, פּרינצן פון ציון, קאַרדינאַלן פון ירושלים, גאָלדענע קעלבער פון ישראל, און סתם „אומווירדיגע מענשן״ — און נאָך מיט כהנה וכהנה פון דעם לעקסיקאָן פון פּאָליטי־שער אויסוואורפעריי איז באַפּעפּערט דאָס ווערק פון בען העכט.

בען העכט׳ס „לאָקאָמאָטיוו״ יאָגט מיט פולער קראַפט...

„קליגלס״ און „נאַבאָבן״ דאַרף מען אפשר פאַרטייטשן פאַר אידישע לעזער. „קליגלס״ איז אַ טיטל פאַר די הויכע פירער אין דעם קו קלוקס קלען אין אַמעריקע. „נאַבאָבן״ מיינט מיליאָנערן. ס׳איז דער נאָמען פאַר אַ ספּעציעלן קלאַס ענגלענדער, וואָס פלעגן פאָרן קיין אינדיע, ווען אינדיע איז נאָך געווען אַ קאָלאָניע פון ענגלאַנד, דאָרט זיך אָנשיטן מיטן גאָלד און קומען צוריק קיין ענגלאַנד מאַגנאַטן.

איר וועט אפשר פרעגן: ווי פּאַסט זיך „נאַבאָבן״ צו „בן־גוריון, שרת און קאָמפּאַני״? האָט העכט דערויף אַ „קאַפּוליער אָנצוהערע־ניש״. ער רופט אָן ישראל „ציוניסטישע ריעל עסטעיט״. אַ צווייטן מאָל רעדט ער פון „ציוניסטישע ריעל עסטעיט האָלדינגס״ (מאַיאָנט־קעס). „זיי (די ציוניסטישע פירער) — שרייבט ער אין איין אָרט — האָבן ניט געוואָלט טראַכטן וועגן די אידן וואָס שטאַרבן אין אייראָפּע, נאָר אַ ממשלה, וואָס זאָל וואַקסן אין פּאַלעסטינע, און זיי זאָלן וואַקסן אינאיינעם מיט איר״ (ז. 17).

איר ווייסט ניט וואו צו געפינען אַ געמיינערע שטיק ציניזם ווי דאָס. דאָ רעדט זיך ניט וועגן עפּעס אַבסטראַקטע לערערינס — זונות; דאָ רעדט זיך וועגן מענשן, וואָס מיר קענען און האָבן געקענט אונ־זער גאַנץ לעבן. מיר ווייסן, אַז זיי זיינען געקומען קיין ארץ ישראל ניט צו נעמען, נאָר צו געבן. און זיי האָבן ניט פאַרמאָגט קיין אַנדער זאַך צו געבן ווי זיך אַליין. און זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן אינגאַנצן, לייב און לעבן. בשעת בען העכט איז אַרומגעלאָפן מיט „קיוטי״ איבער די אויסגעלאַסענע געסלעך פון דער ליטעראַרישער באָהעמע פון בראָד־וועי און האָליוואוד, האָבן „בן־גוריון, שרת און קאָמפּאַני״ זיך גע־ראַנגלט אין דער וויסטעניש פון ארץ ישראל. אַזוי ווי דער נביא אלישע האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער׳ן טויטן קינד, פּיס איבער פּיס, הענט איבער הענט און מויל צו מויל און האָט עס צוריק אויפ־געוועקט צום לעבן, אַזוי האָבן „בן־גוריון, שרת און קאָמפּאַני״ זיך

אויסגעשטרעקט מיטן גאַנצן גוף איבער דער וויסטער ערד פון היי־ליגן לאַנד און האָבן זי אָפּגעהיה׳ט. און היינט קענען אַלע דאָס באַ־שיידענע לעבן פון די רעגירונגס־מענער אין ישראל. מען זאָגט, אַז די שאָפערן זיינען די בעסטע פאַרדינער אין ישראל. אַ טייל מיניס־טאָרן האָבן צו זייער דינסט אַן אויטאָמאָביל מיט אַ שאָפער. אויב אַזוי, פאַרדינט דער שאָפער מער ווי זיין מיניסטער...

צען מאָל צען נייע נעמען און צונעמען האָט הערכט געשענקט די שעפער פון ישראל, אָבער איינעם, דעם טייערסטן, האָט ער ביי זיי צוגענומען. ער האָט ביי זיי צוגענומען דעם נאָמען „איד״.

„ניט קיין אידן זיינען זיי, נאָר פאָליטיקאַנטן (פאָליטישענס)״, טענה׳ט בען הערכט (18). דאָסדאָזיגע זאָגט ער אויף וויצמאַנ׳ען און אויף „בן־גוריון, שרת און קאָמפּאַני״. ער, הערכט, וואָס זאָגט עדות אויף זיך אַליין, אַז ער האָט זיך ניט באַטראַכט פאַר קיין אידן, נאָר ווי „פאַרוואַנדט צו אידן״ („טשאַילד אָוו דהי סענטשורי״, 518); ער, וואָס האָט געלערנט דעם אידן „מיט שכל, כאַראַקטער און גייסט, ווי אַזוי אַרויסצושלעפּן זיין נשמה פון דעם גאָטפאַרדאַמטן שמוציגן קלעם פון איד־באַוואוסטזיין״ („עי דזשו אין לאָוו״, 143) — ער האָט צוגענומען ביי וויצמאַנ׳ען און בן־גוריונ׳ען זייער אידישן פּאַס!...

דורך זיין גאַנצן בוך שטייט בען הערכט פאַר אַ דילעמע, ניין, פאַר אַ גרויסער סתירה, און ער ווייסט עס, און ער פּרוווט אומזיסט צו פאַררייכן די ציין, און ער ווייסט דאָס אויך, אָבער ער איז מאַכטלאָז צו צערייסן דעם געוועב פון זיין אייגענעם ליגן און פאַרראַט:

אויב די פירער פון ישראל זיינען אַזעלכע אויסוואורפן ווי ער מאָלט זיי, איז פאַרוואָס זיינען זיי אַזוי באַליבט ביים פאָלק, אין דער מדינה און אויסער דער מדינה, און ווערן אויסגעקליבן אין וואַלן נאָך וואַלן?

בען הערכט האָט פולע קעשענעס מיט דערקלערונגען. ערשטנס, דער עולם איז ביי אים אַ גולם. אַזוי איז עס ביי אַלע פעלקער, זאָגט ער, און אידן זיינען ניט קיין יוצא מן הכלל. „די פאַלשע באָרד איז ביי זיי אַ נביא: אַן אַקטיאָר מיט אָנשטעל פון באַסיזם איז ביי זיי אַ פּאַט־ריאָט״. צווייטנס, די רעגירונגס־מענער פון ישראל ווייסן, אַז דער גרויסער ליגן איז ביים עולם גולם די נשמה פון אמת.

„די רעגירונג פון ישראל — שרייבט ער — האָט זיך אַריינגעלאָזט אין דעם משפט געגן גרינוואַלד׳ן ווייל זי האָט געגלויבט פעסט אין דער דומהייט פונ׳ם פאָלק און אין דער מאַכט פון דעם ליגן״ (ז. 188).

כאַטש וועלכן ליגן, מר. הערכט? איז דער אויפקום פון דער מדינה אַ ליגן? זיינען אַנדערטהאַלבן מיליאָן נייע עולים אין די ערשטע צען

יאָר פון דער מדינה, אַ ליגן? איז די גלאָררייכע אַרמיי פון ישראל אַ ליגן? איז תל־אָביב אַ ליגן? איז ירושלים, חיפה, צפת, נצרת, אילת אַ ליגן? איז דאָס גרינע גאָלד וואָס באַדעקט היינט די ווייסע זאַמדן פון נגב, אַ ליגן?

נאָר מיר גייען צוריק צו בען העכט דעם פּראָקוראָר.

פאַרניכטעט דעם כאַראַקטער פון די אָנגעקלאָגטע, וואָס איז דער נעקסטער שריט פון דעם גוטן, קלוגן און גערעכטן פּראָקוראָר?

דער נעקסטער שריט איז — פעסטשטעלן אַ מאָטיוו פאַר דעם פאַר־ברעכן. פאַרוואָס איז דער מאָרד באַגאַנגען געוואָרן? וואָס האָט גע־פירט צו דער שרעקליכער טאַט? און וואָס איז געווען דער צוועק? אין אונזער פאַל איז די פראַגע: פאַרוואָס האָבן די ציוניסטישע פירער און די רעגירער פון ישראל, וועלכע האָבן זייער גאַנץ לעבן געווידמעט צו ראַטעווען אידן — פאַרוואָס האָבן זיי, אויף דער סאַמע שוועל פון דעם אויפקום פון דער מדינה, גענומען און אומגעבראַכט זעקס מיליאָן אידן, מערסטנס טאַקע די אידן פאַר וועלכע די מדינה איז באַצוועקט געוואָרן?

און דער מאָטיוו, נאַטירליך, מוז זיין אַ שטאַרקער, אַן איבערצייגנ־דיגער.

דאָס פאָדערט זיך ניט נאָר אין אַ קרימינאַל־פּראָצעס, נאָר אַפילו אין אַ האָליוואודער פילם.

און בען העכט טוט דאָס וואָס אַ גוטער און געניטער קלעגער דאַרף טאָן. ער ברענגט — אָ, יע, אַוודאי — אַ גוטן און גענוגנדיגן מאָטיוו. אַ מאָטיוו וואָס איז ריכטיג גלייכוויכטיג מיט דער אומגעהויערקייט פון דעם פאַרברעכן.

ער דערקלערט עס אין אַ גאַנצן, פולן, באַזונדערן קאַפּיטל פון זיין בוך (ז. 17). דאָס קאַפּיטל הייסט: „בלויז פאַר אַ בענדל אַריינצוטאָן אין לאַץ".

וואָס הייסט „אַ בענדל אין לאַץ"? דאָס איז אַזוי ווי מיר וואָלטן געזאָגט: אַ „קנעפּל", אַ „בלעכל", אַ קאָקאַרדע, עפּאָלעטן, קורץ, אַ ב י ס ל כ ב ו ד.

אָט דאָס איז בען העכט׳ס מאָטיווירונג פאַר זיין קלאָגע: חיים וויצמאַנ׳ס שוואַכקייט נאָך כבוד איז געווען די גרויסע סיבה, וואָס האָט גורם געווען די גרויסע נאַציאָנאַלע טראַגעדיע. פאַר אַ ביסל פער־זענליכן כבוד האָט ער פאַרשאַכערט דעם כבוד פון דער אומה און איר גרעסטן פאַרמעגן: זעקס מיליאָן נפשות.

דער אמת׳ער „באַגרעבער פון דעם אַלטן אידישן חלום פון אַ היים אין ציון פאַר די זעקס מיליאָן אידן פון איראָפּע איז געווען חיים ווייצמאַן״, איז העכט מסביר די זאַך „פּסיכאָלאָגיש״. געבאָרן געוואָרן, דערציילט ער, איז ווייצמאַן אין געטאָ פון פּינסק. ער האָט אויסגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן און דאָ, זאָגט העכט, איז ווייצמאַן „ווי דורך אַ כישוף געוואָרן אַן ענגלישמאַן״. און דאַן, שרייבט העכט, איז מיט ווייצמאַנ׳ען געשען דאָס וואָס פלעגט שטענדיג געשען, און געשעט נאָך היינט מסתמא אויך, מיט אַ שפּל׳ן און פאַרשטויסענעם אידן ווען ער ווערט דערהויבן אויפ׳ן געזעלשאַפטליכן לייטער: עס פאַרדרייט זיך אים דער קאָפּ. און דאָס איז געשען מיט ווייצמאַנ׳ען, לערנט אונז בען העכט: ווייצמאַנ׳ס דאַנקבאַרקייט צו ענגלאַנד האָט איינגעשלונגען זיין נשמה. און עס איז געווען אָט די דאַנקבאַרקייט פון ווייצמאַנ׳ען וואָס האָט אונז „געקאָסט די לעבנס פון זעקס מיליאָן אידן״, שרייבט העכט.

אַז חיים ווייצמאַן האָט געהאַט עפּעס צו טאָן מיט פאַרווירקליכן דעם אַלטן חלום פון אַ אידישער היים אין ציון (די באַלפור דעקלאַראַציע), דאָס אַנערקענט ניט בען העכט. ער דערמאָנט עס אפילו ניט. נאָך אים נאָך איז ענגלאַנד׳ס הילף גאָר געקומען פון דאַנקבאַרקייט צו דר. אהרן אַראָנסאָן און זיין שוועסטער שרה, וועלכע האָבן שפּיאָנירט לטובת ענגלאַנד הינטערן טערקישן פראָנט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה (ז. 10). דער דר. אַהרן אַראָנסאָן, וועגן וועלכן עס גייט די ווערזיע, אַז ענגלאַנד האָט אים באַלוינט מיט אַ נאָסן קבר אין דעם ענגלישן קאַנאַל, ווען ער איז געפלויגן איבער אים. זיין שוועסטער שרה האָבן די טערקן נאָך פריער דערשאָסן.

דאָסדאָזיגע שטיקל קונצענמאַכעריי אַליין מצד העכט׳ן בנוגע דער באַלפור־דעקלאַראַציע, איז אַ מאָס פאַר זיינע היסטאָרישע „פאַקטן״ אין „פערפידי״ בכלל, און די האַליוואודיש־נאַיווע „פּסיכאָלאָגיע״ וועגן ווייצמאַנ׳ס כבוד־זוכעריי איז אַ מאָס פאַר דער גאַנצער „טיפקייט״ פון דעמדאָזיגן פאַרברעכערישן ווערק בפרט.

די פאַקטן זיינען גאַנץ אַנדערש געווען:

ווי באַוואוסט, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן ענגלישע קאַנאָנען פאַרלאָרן די פעאיגקייט צו וואַרפן זייערע קוילן ווייט גענוג, ווייל עס איז ביי ענגלאַנד געוואָרן אַ דוחק אויף דעם שטאָף אַצעטאָן. ענגלאַנד איז, אין פולן זין פון וואָרט, געשטאַנען אין דער סכנה צו פאַרלירן די מלחמה. האָט חיים ווייצמאַן, דעמאָלט שוין אַ באַרימטער וויסנשאַפטסמאַן, זיך אַוועקגעלאָזן מיט אַ גרויסן, פאַרצווייפלטן פלייס זוכן אַ מיטל. און ער האָט אַנטדעקט אַ מיטל צו פּראָדוצירן אַצעטאָן

אין גרויסער, אומבאַגרעניצטער קוואַנטיטעט. און ענגלאַנד איז גע־ראַטעוועט געוואָרן.

נאָך דער מלחמה האָט פּרעמיער לאָיד דזשאָרדזש צו אים גערעדט און געזאָגט, אַז ענגלאַנד וויל אים באַלוינען פאַר זיין פאַרדינסט מיט געהעריגן כבוד. געמיינט האָט לאָיד דזשאָרדזש אים צו קרוינען מיט אַן ערן־טיטל, אַ „סער", אַ „באַראָן" און אפשר אַ לאָרדשיפ, ווי עס איז דער ענגלישער מנהג: אַלזאָ אַ „בענדל אין לאָץ" ווי אַ האַנטוך די גרויס!

דערויף האָט הײם ווייצמאַן געענטפערט: „פאַר מיר אַליין וויל איך גאָרניט; איך וויל אַ היים פאַר מיין פאָלק"...

און דערויף איז געקומען די באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס איז געווען דער יסוד, אויף וועלכן ס'איז סוף־כל־סוף אויסגעקעמפט געוואָרן מדינת ישראל.

וואָס זשע ווערט נאָכדעם פון העכט'ס היסטאָריע און פּסיכאָלאָגיע?

בעו העכט, אַליין אַן אַסימילירטער ביזן מאַרך פון דיביינער, אַ מענש וואָס האָט קיינמאָל ניט טועם געווען אַפילו קיין איינציגע רגע דעם אמת'ן טעם פון זיין אַ איד, באַצייכנט ווייצמאַנ'ען ווי „אַן ענג־לישמאַן מיט אידישע ניגונגען". אַן ענגלישמאַן מער ווי אַ איד, האָט ער, הייסט עס, געשטעלט ענגלאַנד'ס אינטערעסן העכער ווי די אידישע. די מעשה איז אינגאַנצן פאַרקערט. ניט ענגלאַנד האָט ווייצמאַנ'ען פאַרענגלישט, נאָר ווייצמאַן האָט ענגלאַנד פאַראידישט. נאָך אין דער פריסטער יוגנט האָט ווייצמאַן געהאַט אַן אינטואי־טיוון געפיל, אַז דורך ענגלאַנד ליגט דער וועג קיין ציון. און אַזוי איז געווען. וועלכע טענות מ'זאָל ניט האָבן צו ענגלאַנד, אָבער דער פאַקט בלייבט, אַז די באַלפור־דעקלאַראַציע און דער מאַנ־דאַט זיינען געווען די צוויי פונדאַמענטאַלע פּאָליטישע דאָקומענטן וואָס האָבן געבראַכט די מדינה.

ס'איז ניט ריכטיג ווי העכט שרייבט אַז ווייצמאַן האָט פון פּינסק אויסגעוואַנדערט קיין ענגלאַנד. פון רוסלאַנד איז ווייצמאַן אַוועק אין דער שווייץ און קיין דייטשלאַנד, וואו ער האָט שטודירט און אַפילו זיך דערוואָרבן אַ נאָמען אין אַקאַדעמישע קרייזן.

אין יאָר 1903 פאַרלאָזט ווייצמאַן זיין לערער־שטעלע אין דער אוני־ווערזיטעט אין זשענעווע און באַזעצט זיך אין ענגלאַנד, געלאָקט פון דער אידייע, אַז ענגלאַנד וועט זיין דער פּאָליטישער אינסטרומענט צו פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם. ער קומט אָן אַלס לערער פון כעמיע אין דער אוניווערזיטעט פון מאַנטשעסטער. דאָ האָט ער די ערשטע באַגע־

געניש מיט באַלפור'ן. באַלפור איז געקומען קיין מאַנטשעסטער אַדרע־סירן אַ פּאָליטישן מיטינג, און ווייצמאַן, דורך דער פאַרמיטלונג פון אַן איינפלוסרייכן פריינט, האָט גע'פּועל'ט אַ באַגעגעניש מיטן ענגלישן אַריסטאָקראַט, פילאָזאָף און פּאָליטיקער. די באַשטעלונג איז געווען אויף פופצן מינוט. זי האָט געדויערט אַנדערהאַלבן שעה. ווייצמאַן האָט נאָך דעמאָלט אפילו קיין ענגליש ניט געקענט רעכט ריידן, אָבער ער האָט שוין דעמאָלט געוואונען באַלפור'ן פאַר איינעם פון די גרעסטע פריינט וואָס דער ציוניזם האָט געהאַט אין דער ניט־אידישער וועלט.

כדאי אונטערצוהערן דעם געשפּרעך און זען ווי אַזוי עס רעדט דער „ענגלישמאַן מיט אידישע ניגונגען". באַלפור פרעגט ווייצמאַנ'ען:

— פאַרוואָס ביסטו געגן דעם אוגאַנדאַ־פּראָיעקט? און ווייצמאַן ענטפערט אים:

— מיר ווילן ירושלים; וואָלסטו אויסגעביטן לאָנדאָן אויף פּאַריז?

— אָבער מיר האָבן לאָנדאָן, און איר ירושלים האָט ניט — האָט באַלפור געענטפערט. דערויף האָט ווייצמאַן דערווידערט:

— מיר האָבן געהאַט ירושלים ווען לאָנדאָן איז נאָך געווען אַ זומפּ...

אין שפּעטערע יאָרן, ווען לאָרד באַלפור האָט געמאַכט אַ סך הכל פון זיין געזעלשאַפטליכן לעבן, האָט ער געזאָגט צו זיין סעקרעטאַרין, בלאַנש דאָגדעיל: „איך דענק אַז מיין אַרבעט פאַר'ן ציוניזם איז דוכט מיר געווען דאָס ווערטפולסטע פון אַלץ..."

מען האָט אַמאָל געפרעגט ווייצמאַנ'ען: וואָס פאַרשטייסטו אונטער'ן באַגריף „נאַציאָנאַלע היים"? עס האָט זיך געהאַנדלט אין דעם גרויסן וויכוח, ווען ענגלאַנד האָט שוין געאַרבעט צו פאַרוואָסערן די באַלפור־דעקלאַראַציע, וועלכע האָט גערעדט פון אַ „נאַציאָנאַלער היים" פאַר אידן אין פּאַלעסטינע. און חיים ווייצמאַן האָט געענטפערט:

„אַזוי ווי ענגלאַנד איז ענגליש, אַזוי דאַרף פּאַלעסטינע זיין אידיש".

נאָר בען העכט, ביז אויף יענער זייט קבר טראָגט ער נאָך ווייצ־מאַנ'ען דעם פאַרוואורף, אַז ער איז געווען געטרייער ענגלאַנד ווי זיין אייגן פאָלק, און אַז ער האָט זיך געטרייסט מער מיט'ן אַנטגילטיגן נצחון פון ענגלאַנד איידער ער האָט זיך מצער געווען איבערן חורבן פון די אידן. און ער מאַכט די קלאָגע אויף דעם באַריכט פון ווייצ־מאַנ'ס אַ וואָרט, פון געהערט און געזאָגט, וואו אַ בלויזער ניואַנס פון דער שטימע קען טראָגן מער פשט ווי דאָס וואָרט גופא. נאָר העכט געפינט אויך אַ מער כלומר'שט ממשות'דיגן באַווייז: ווייצמאַן האָט איינגעהאַלטן זיין בריטישע בירגערשאַפט ביז אַ וואָך נאָכדעם ווי ער איז איינגעשוואוירן געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון ישראל.

טאָ זאָל דאָ אָפּגעפּרישט ווערן שוין כמעט אַ פאַרגעסענער עפּיזאָד.
ווען חיים ווייצמאַן איז אויסגעקליבן געוואָרן פּרעזידענט פון ישראל, ערשטער פּרעזידענט פון דער אויפגעלעבטער אידישער מדינה, איז ער געווען אין אַמעריקע. פון אַמעריקע איז ער אָפּגעפאָרן קיין ישראל. געפאָרן פאַרנעמען זיין אָרט אויף דעם כסא הכבוד פון מלכות ישראל. אַ סימבאָל פון דער שטול, אויף וועלכער עס זיינען געזעסן די אידישע מלכים פון אַמאָל.

די שיף וואָס האָט געפירט דעם פּרעזידענט פון ישראל און זיין פרוי איז געגאַנגען קיין ענגלאַנד, און פון דאָרט ווייטער. פּרעזידענט ווייצמאַן האָט געהאַט זיין היים אין ענגלאַנד. דאָרט איז ער באַרימט געוואָרן. דאָרט האָט ער געלייסטעט זיינע לייסטונגען פאַר ענגלאַנד. דאָרט האָט ער אויסגעווירקט די באַלפור־דעקלאַראַציע. דאָרט האָט ער, פון דעמאָלט אָן, געאַרבעט און גע׳חלומ׳ט ביז׳ן אויפשטייג פון מדינת ישראל אין ארץ ישראל. און ווען עס איז געשען און עס איז אים באַשערט געוואָרן צו זיין דער ערשטער קרוין־טרעגער פון מדינת ישראל, צי איז עס ניט געווען פּאַסיג און שיין, ער זאָל אָפּפאָרן צו זיין גרויסן אַמט פון לאָנדאָן הבירה?

אָבער פּרעזידענט ווייצמאַן האָט באַשלאָסן אויסצומיידן לאָנדאָן. אויסצומיידן ענגלאַנד. די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט אין ענגלאַנד, האָט באַרירט די ענגלישע ערד, אָבער פּרעזידענט חיים ווייצמאַן האָט ניט באַטראָטן די ענגלישע ערד. ער איז ניט אַראָפּ פון דער שיף. ער איז געפאָרן ווייטער, קיין פּאַריז. און פון דאָרטן איז ער עולה געווען למלכות קיין ארץ ישראל.

און כדי זיכער צו מאַכן, אַז קיינער אין ענגלאַנד זאָל ניט פאַרפעלן די ריכטיגע כוונה, און זאָל דערפילן דעם שטאָך, האָט די פרוי ווייצמאַן אָפן און קלאָר געזאָגט:

„צו אונזער גרויסן באַדויערן, האַלט אונז אָפּ די שטעלונג פון גרויס־בריטאַניע פון פאָרן קיין לאָנדאָן".

יע, חיים ווייצמאַן, אַלס דער ערשטער פּרעזידענט פון ישראל, האָט אויסגעדרייט זיין רוקן אויף ענגלאַנד.

דאָס געבראַכטע אויבן, אויב איר ווילט, איז אַ מיניאַטור־סקיצע פון חיים ווייצמאַנ׳ס גאַנצן לעבנסשפאַן. געגנאיבער דעם, ווען מיר זאָלן אָנוואַרפן אַ פען־סקיצע פון בען העכט׳ס לעבן — ווי וואָלט זי זיך געלייענט? אָן ערך אַזוי:

גוים, ליבע, האַרציגע! קוקט מיך אָן: כ׳וויס גאָרנישט פון אידישקייט. איך בין אַ פאָלנער גוי. איך האַלט ניט פון אידישקייט, איך האַלט

ניט פון אידן, איך האַלט נישט פון קיין שום אידישע מצוות און מעשים טובים. איז אייך ניט גענוג? נאַט אייך נאָך מער: איך בין אַפילו אַ שונא פון אידן. איך פאַרטראָג ניט די אידישע ראַסע, דאָס אידישע געזיכט. איך שפּיי אין אידישן פּנים אַריין. און נישט בלויז אין פּנים פון די אַמעריקאַנער אידן, נאָר פון דער גרעסטער אידישער פּני, די גדולים אין מדינת ישראל, וואָס מ׳וויל אייך, גוים, איינריידן, אַז זיי זיינען גאָר דאָס אויבערשטע פון שטויסל, ווייל זיי האָבן כלומר׳שט אויפגעטאָן אַזעלכע זאַכן, וואָס אַפילו די גוי׳אישע וועלט מוז אָנער־קענען. טאָ קומט און זעט: אַפילו זיי שפּיי איך בפרהסיה אין פּנים אַריין. נו, אַצינד האָב איך מיר שוין פאַרדינט אַריינגענומען צו ווערן אין אייער חברותא? אונטערגעשריבן: בען קנעכט.

אַזוי זעט אויס אַ איד, וואָס לויפט אַרום אַ לעבן לאַנג איבער אַלע פאַראַדנע גאַסן און שרייט אַז ער איז, חלילה וחס, ניט קיין איד. שוין „טויזנט יאָר" אַז ער איז קיין איד ניט...

דעריבער איז עס אַזוי משונה, אַזוי ווילד, אַזוי גראָטעסק ווען העכט פאָרמולירט דעם מאָטיוו פון ווייצמאַנ׳ס „פאַרראַט" אויפ׳ן גרונט פון דער „צעשפּאַלטענער פערזענליכקייט פון דעם אַסימילירטן איד" (ז. 21).

נו, זאָגן מיר: מילא, דאָס אַלץ קען נאָך, אין אַ האָליוואודישן וועלט־באַנעם, ווי עס איז חל זיין אויף ווייצמאַנ׳ען, וועמען ענגלאַנד האָט „געמאַכט פאַר אַ לייט". וואָס איז אָבער מיט „בן־גוריונ׳ען, שרת׳ן און קאָמפּאַני", וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין באַזונדער סיבה אויף דאַנק־באַרקייט צו ענגלאַנד, און פון דאַנקבאַרקייט צו קנעכטשאַפט, און פון קנעכטשאַפט צו „לאָיאַליטעט צו דער קרוין"? פאַרוואָס האָבן זיי מיטגעטאַנצט אין דעם טייוולישן שפּיל און מקריב געווען זעקס מיליאָן אידן פאַר ענגלאַנד׳ס אינטערעסן? זיי האָבן דאָך ניט געקראָגן קיין ענגלישן „בענדל אין לאַץ".

פאַר זיי שטעלט העכט אַוועק אַן אַנדער מאָטיוו, בויט אויף אַן אַנדער טעאָריע, עפּעס אַ נייעם געדריי פון אַ מאַרך־שטורם, וואָס ער רופט אָן „ציוניסטישער איד־סנאָביזם" (אויף ענגליש: „דזשו־סנאָבערי" ז. 21).

מיר וועלן נאָך שפּעטער באַגעגענען די „טעאָריע" ברייטער, נאָר אין קורצן הייסט עס, אַז אין דעם ציוניזם האָט מען פיינט געהאַט אידן, זיי פאַראַכט, געקוקט אויף פּשוט׳ע אידן פון אויבן אַראָפּ, ווי אויף „שטויב", פון וועלכן ענגלאַנד האָט געהאָלפן פּטור ווערן (ז. 21).

לייענט איר דידאָזיגע געדאַנקען און איר פרעגט אין שטוינען: פון וואָס רעדט דאָ אונזער „נביא" און „גאַיד": פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אָדער פון ענגלישן לאָרדן־הויז? די ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס איר האַרץ איז געווען אַהבת ישראל און איר קאָפּ איז געווען אַהבת ישראל; די ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס האָט פון אַלע גלות־מיסטן אויפגעהויבן דעם אידן צום באַוואוסטזיין פון נאַציאָנאַלן כבוד; די ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס איז אין טיפסטן זין פון וואָרט געווען אַ פאָלקס־באַוועגונג, אַ באַוועגונג פון פאָלק, פאַרן פאָלק, דורכן פאָלק; די ציוניסטישע באַוועגונג, וואו נאָבעלע זין און טעכטער האָבן אַראָפּ־געוואָרפן לאָרדן־קליידער און אָנגעטאָן חלוצישע זעק אויף אײדעלע לייבער — זיי האָבן צוליב סנאָביזם מקריב געווען זעקס מיליאָן אידן?!

אַ פאַרשטיינערטער בין איך געוואָרן ווען איך בין געקומען אויף דידאָזיגע שורות. בען העכט דער פאַרפאַלענער אין אַסימילאַציע; בען העכט דער פריסטער פון איד־פאַראַכטונג, וואַרפט פאַר אַסימילאַציע און איד פאַראַכטונג — ווער? אידן וואָס האָבן די הויט פון זייערע לייבער געצויגן פאַר אידן און אידישן גורל!

דער קוימען שרייט דער הימל איז אים שוואַרץ...

איך האָב דאָ געוואָלט שרייען, נאָר איך האָב קיין לשון ניט געפונען. איך האָב זיך געוואָרגן און ניט געקענט געפינען די ריכטיגע ווערטער. און איך האָב פשוט פיזישן פיין געליטן. נאָר אין ערגסטן קלעם איז מיר צו הילף געקומען — איר וועט ניט טרעפן ווער: „קיוטי"! זי, פאַרשטייט איר מיך, פאַרמאָגט דעם ריכטיגן מענה־לשון. און זי איז מיר אויפ'ן זינען געקומען און האָט מיר אויף דעם צונג געלייגט די ריכטיגע ווערטער. אין אײן אָרט פרעגט זי איר מענער־העלד: „וואו האָסטו זיך געהאָדעוועט, אין אַ שפּיי־קעסטל?" און זי זאָגט וועגן אים: „זיין נשמה איז געווען אַ שפּיי־קעסטל, און אַלץ וואָס איז אַריינ־געפאַלן אַהין איז געוואָרן שמוציג" („קיוטי", ז. 66).

„שטויב"

אונזערע הייליגע חכמים דערציילן די ציטערדיגע מעשיות פון אַמאָל, ווי אַזוי צוליב אַן אַקס איז חרוב געוואָרן ביתר, און צוליב אַ האָן און אַ הון איז חרוב געוואָרן טור־מלכא. היינט, ווי די יאָר, קנעלט אַ לעסטערנדיקער נאַר, אַז צוליב אַ בענדל אין אַ לאַץ איז חרוב געוואָרן דאָס אייראָפּעאישע אידנטום. אַן ענגליש בענדל אין לאַץ פון חיים ווייצמאַן.

אין טמא הענט ווערט אַלץ טמא. בען העכט האָט גענומען די טראַ־געדיע פון די זעקס מיליאָן, די גרעסטע טראַגעדיע פון אַלע צייטן און אַלע וועלטן, און האָט זי געשטעלט אויפ'ן מאָטיוו פון כבוד־זוכעריי פון אַן איינציגן מענשן, אַ מאָטיוו וואָס פּאַסט פאַר מאַליער'ס אַ קאָ־מעדיע. די פּיראַמידע פון אידישע ביינער, וואָס איר שפּיץ דערלאַנגט ביז'ן סאַמע הימל, און העכער — ביז'ן כסא הכבוד, האָט ער אַוועק־געשטעלט אויף אַן אויסגעטראַכטן הינערשן פּיסל. און אויפ'ן סמך דערפון שלעפּט ער ווייצמאַנ'ען צו אַ משפּט. און דאָס אידישע פאָלק, און אפשר אויך די וועלט, איז די דזשורי. קען אַזאַ מאָטיוו אין אַזאַ העראָישער געשטאַלט אין אַזאַ פירכטערליכער טראַגעדיע איבערצייגן אַזאַ דזשורי?

„פעסטגעשטעלט" דעם מאָטיוו, נעמט זיך בען העכט צו דער באַ־גרינדונג. ער הויבט אָן מיט אַ וואָרט וואָס ווייצמאַן האָט אַרויסגערעדט האַרט פאַר דער מלחמה, אויפ'ן ציוניסטישן קאָנגרעס פון 1937, אַז די אידן, ווי העכט ציטירט, זיינען „דער שטויב פון אייראָפּע". אַ פּאַטעטיש וואָרט אין אַ פּאַטעטישער רעדע אין אַ פּאַטעטישער צייט. נאָר בען העכט וואַרפט זיך אויף דעמדאָזיגן וואָרט ווי אַ חיה אויף איר פאַרצוקונג. דאָ מיינט ער האָט ער געפונען דעם שליסל צו ווייצ־מאַנ'ס נשמה: ווייצמאַן דער „ענגלישמאַן", ווייצמאַן דער „ציוניסטי־שער סנאָב" האָט אַראָפּגעקוקט אויף אידן ווי אויף בלויזן שטויב. ער האָט זיי ניט נאָר באַצייכנט ווי שטויב, נאָר „פּראָקלאַמירט" פאַר שטויב, וואָס איז גאַרניט צו ראַטעווען. און שוין דאָ, אין דעמדאָזיגן איינציגן וואָרט, מיינט העכט, איז ער געקומען אויפ'ן ריכטיגן שפּור

פון די מערדער פון די זעקס מיליאָן: „דאָס איז פּאַקטיש געווען אַ פּלאַן — שרייבט ער — זיי מפקיר צו זיין אין זייער סכנה" (ז. 21).

עס וואָלט ניט כדאי געווען זיך אָפּצושטעלן אויף דעמדאָזיגן וואָרט ביי העכט'ן, אַזוי ווי ס'איז ניט רעכט געווען פון העכט'ן זיך אָנצוכאַפּן אין אַן איינציגן וואָרט ביי ווייצמאַנ'ען. אָבער העכט לאָזט עס ניט אָפּ. דורכ'ן גאַנצן בוך הערט ער ניט אויף צו קלאַפּן: שטויב, שטויב, שטויב; ווייצמאַן־אידן־שטויב. און ניט אומזיסט. ער דאַרף עס האָבן פּאַר אַ באַוויז, פּאַר אַן אָנשפּאַר. וואָרים דאָס איז דאָס צווייטע הינערישע פּיסל אונטער זיין באַרג.

אָבער צי איז עס ניט נאַקעטע זשאָנגלעריי זיך אָנצוכאַפּן אין אַן איינציגן אויסדרוק ביי אַ מענשן, וועמעס רעדעס אין משך פון צענד־ליגער יאָרן קענען אָנפּילן צענדליגער בענדער, דיק און געדיכט מיט ליבשאַפט, באַוואונדערונג און ווידמונג צו אידן?

נאָר בען העכט פאַר'משפּט זיך אַליין אין אַ צווייטער שטעל גלייך דערביי, ווען ער ברענגט נאָך עטליכע ווערטער פון ווייצמאַנ'ען אין זעלבן צוזאַמענהאַנג (ז. 20). ווייצמאַן רעדט דאָ וועגן דעם עלטערן דור און זאָגט: „זיי זיינען עקאָנאָמישער און מאָראַלישער שטויב אין אַ גרויזאַמער וועלט". אַלזאָ, שוין ניט סתם שטויב, נאָר עקאָנאָמישער שטויב, מאָראַלישער שטויב. אין אַ גרויזאַמער וועלט. דאָ ליגט קלאָר דער אמת'ער זין פון ווייצמאַנ'ס רייד. דאָס זיינען ווערטער פול מיט רחמנות צו אידן און צוגלייך פאַרביטערונג געגן אַ בייזער וועלט, וואָס האָט איבערגעלאָזט די אידן אויף עלנדן הפקר פאַר דעם מורא'דיגן נאַצישן שטורם.

ווי אַ ליטעראַרישער מענש וויס בען העכט די פיגוראַטיווע באַדיי־טונג פון דעם וואָרט „שטויב" ווען ס'ווערט אָנגעווענדט אויף מענשן, נאָר די ליטעראַרישע ערליכקייט איז ביי אים ניט שטאַרק גענוג ער זאָל ניט פּרואוון אונטערשטעלן אַ געגנער אַ פּיסל פאַר די אויגן פון אומוויסנדיגן המון. אָבער ווערדליג ער נעמט זיך איבער וואָס ער איז ניט אויפגעצויגן געוואָרן ווי אַ איד, איז איבעריג צו דערוואַרטן ער זאָל וויסן די ספּעציעלע באַדייטונג וואָס „שטויב" האָט אין אידישן באַוואוסטזיין. שוין דער ערשטער איד, אַברהם אָבינו, ווען ער טרעט אויף פאַר ג־ט צו זוכן גערעכטיגקייט פאַר סדום, שאַצט אָפּ זיין מעמד און מדרגה אין וועלט־באַשאַף און ער זאָגט אויף זיך: „ואנכי עפר ואפר", און איך בין דאָך נאָר זאַמד און שטויב... יעדער איד וואָס דאַוונט, איז מתפלל יעדן טאָג דריי מאָל אין די דריי שמונה עשרה'ס, און זאָגט, סימבאָליש, „ונפשי כעפר לכל תהיה", און מיין נשמה זאָל

זיין צו יעדן איינעם ווי שטויב... און די חז״ל האָבן געזאָגט: אידן זיינען געגליכן צו שטויב. אַזוי ווי שטויב וואָס אַלע טרעטן אויף אים קומט לסוף און דעקט אַלעמען צו, אַזוי אויך די אידן לעבן סוף־סוף איבער אַלע שונאים וואָס טרעטן זיי מיט די פיס.

אין דער ערשטער ציוניסטישער תקופה, אין אָנהויב צוואַנציגסטן יאָרהונדערט, איז אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, און אויף דער אידישער גאַס בכלל, פּאָפּולער געווען שמעון פרוג׳ס ליד „זאַמד און שטערן״. געבויט אויף דער הבטחה פון ג־ט אַז די אידן וועלן זיין „אַזוי ווי די שטערן אין הימל און ווי זאַמד אויפ׳ן ברעג פונ׳ם מער״, זינגט דער פּאָעט אין דעם ליד:

„און איינס איז שוין טאַקע מקוים געוואָרן,
דאָס פיל איך, דאָס וויס איך געוויס:
מיר זיינען געוואָרן ווי זאַמד וואָס איז הפקר,
וואָס יעדערער טרעט מיט די פיס...

יאָ, גאָטעניו, אמת, ווי זאַמד און ווי שטיינער,
צעזייט און צעוואָרפן אויף שאַנד און אויף שפּאָט,
נון אָבער די שטערן, די ליכטיגע, קלאָרע,
די שטערן, די שטערן — וואו זיינען זיי ג־ט?

פון דער זעלבער רעדע ווייצמאַנ׳ס ברענגט בען העכט, מיט גע־מאַכטן שוידער, נאָך אַנדערע פאַרזינדיגטע רייד פון ווייצמאַנ׳ס מויל, אַזוי צו זאָגן:

„די אַלטע וועלן פאַרגיין. זיי וועלן אָדער אַריבערטראָגן זייער גורל אָדער ניט... בלויז אַ צווייג וועט בלייבן... זיי מוזן עס אָננעמען... אויב זיי וועלן פילן אוןליידן, וועלן זיי געפינען דעם וועג, באַחרית הימים... הלוואי דערהאַלטן מיר אונזער נאַציאָנאַלע איינהייט, ווארים דאָס איז אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן...״

איך נעם אָן דידאָזיגע רייד קליפּ און קלאָר ווי בען העכט ברענגט זיי דאָ, ניין, איך פאַרלאָז מיך ניט אויף העכט׳ס ליטעראַרישן געוויסן — אַ צעבראָכן ריטל — דאָך גיי איך ניט נאָכקוקן די אויסגעלאָזטע ווערטער וואָס זייערע ערטער האָט ער אויסגעפילט מיט פּינטעלאַך: ווער ווייסט וועלכע ניואַנסן ער האָט מיט דעם פשוט׳ן טריק פאַרמעקט? נאָר די ווערטער וואָס ער האָט באַוויליגט צו ברענגען זיינען גענוג. זיי זיינען גענוג אויסצופּאַטשן בען העכט׳ס באַקן ווי גרויס זיי זיינען, און פאַרשעמען זיין פּנים אויף צען דורות, כאָטש ער ווייסט ניט פון קיין שאַנד.

ווער קען אויסשעפּן די טראַגישקייט וואָס ליגט אין דידאָזיגע גע־ציילטע ווערטער, ווער קען אויסמעסטן זייער ווייטאָג? דאָ קלאַפּט אַ

צעבראָכן האַרץ. דאָ רעדט אַ פאַרבלוטיגטע צונג. דאָ שטייט אַ פירער ביים ראַנד פון צעעפנטן תהום און זעט ניט קיין רעטונג פאַר זיין עדה געגן דעם אָנקומענדיגן שטורם. דאָ רעדט די מאַכטלאָזיגקייט, די הילפלאָזיגקייט, די פאַרצווייפלונג.

שטיינער קענען גערירט ווערן פון די געציילטע ווערטער.

שטיינער, נאָר ניט דער שטיין וואָס איז בען העכט'ס ציניש האַרץ.

פאַר אים איז עס די „פראָקלאַמאַציע", וואָס האָט מפקיר געווען די זעקס מיליאָן צו נאַציס.

בען העכט שטעלט זיך אָפּ מיט באַזונדערן חוזק אויפ'ן „באחרית הימים", מיט באַזונדערן חוזק און באַזונדערער עם האַרצות. נאָר די־דאָזיגע שטעל אין וויצמאַנ'ס רעדע לאָזט ער מער ניט אָפּ, און אין אַ צווייטן אָרט פאַרגלייכט ער וויצמאַנ'ען מיט היטלער'ס פּראָפּאַגאַנדע־שעף, יאָזעף געבעלס. ער נעמט עפּעס אַ פראַזע פון דעם אַרצי־נאַצי און שטעלט זי אויס געגנאיבער וויצמאַנ'ס טראַגישע ווערטער און זאָגט נצחונ'דיג: קוקט אָן די גלייכעניש, מערקט די האַרמאָניע (ז. 149). ווי אָפּגרונטיג געמיין ס'מוז זיין אַ מענשליך האַרץ צו ריידן וועגן וויצמאַנ'ען, און דעם טייוולישן וועלט־צינדער און אידן־ברענער, אין איין אָטעם!

ווען בען העכט'ס פּיס וואָלטן געוואוסט דעם וועג צו אַ הייליגן קוואַל, וואָלט ער געקענט געפינען מער ווירדיגע פאַרגלייכן צו וויצ־מאַנ'ס געפּייניגטע ווערטער איידער דעם נאַצישן מחבל, ווי למשל, די רייד פון דעם נביא, אויך געזאָגט אויפ'ן שוועל פון אַ טראַגישער עפּאָכע:

„און אַלע שטעט וועלן זיין וויסט אָהן אַ באַוואוינער, און הייזער אָהן מענשן, און די ערד וועט פאַרוויסט ווערן אין אַ ווילדערניש, און ג־ט וועט פאַרטרייבן די מענשן, און גרויס וועט זיין די פאַרלאָזנקייט אין לאַנד. און אויב ס'וועט בלייבן אַ צענטל דרינען, וועט זי נאָך ווייטער אויסגעבערענט ווערן, אַזוי ווי דער לינדנבוים און דער אייכנבוים וואָס נאָר זייער שטאַם בלייבט אין דעם בלעטערפאַל; הייליגער זאָמען וועט זיין איר שטאַם" (ישעיהו ו, יא).

יעדער פאַרשטענדיג אידיש האַרץ וועט פילן די אַנאַלאָגיע צווישן דידאָזיגע רייד פון דעם אַלטן נביא און די רייד פון דעם מאָדערנעם פירער, די אַנאַלאָגיע סיי אין דער פאַרצווייפלונג, סיי אין דער באַהאַל־טענער, ציטערדיגער האָפענונג. דאָס איז אידישער נוסח דורך אַלע אידישע דורות.

אָבער פונוואַנען זאָל עס בען העכט נעבעך וויסן?

נאָר אפשר האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט צו אויספירליך אויף אַ וואָרט־שפּיל, פון וועלכן בעז העכט מאַכט אַ גאַנצע פאַלשע טראַגעדיע. צו וואָס קריגן זיך מיט העכט׳ן איבער אַ וואָרט אָדער אַן אויסדרוק, ווען ער האָט אַ פּיל שאַרפערע אָנקלאַגע געגן חיים ווייצמאַנ׳ען און זיין שיטה, דער גאַנצער ווייצמאַנישער ציוניזם, שרייבט ער, איז נאָר געווען אַ שפּיצל צו העלפן די ענגלענדער אַז אידן זאָלן ניט פאָרן קיין פּאַלעסטינע, און אַ שווינדל אויסצונאַרן ביי אידן געלט.

אויסצונאַרן ביי אידן געלט, צו העלפן די ענגלענדער אויסצונאַרן ביי די אידן פּאַלעסטינע. אַ „קלאַסישע״ קאָנצעפּציע פון ציוניזם. אַ קאָנצעפּציע לויט אַן אונטערוועלט מענטאַליטעט, ווי אין אַ שונדישן פילם.

און אָט ווי אַזוי ער חקירה׳ט עס אַלץ אויס: „די ענגלענדער — שרייבט ער — האָבן ניט געוואָלט נאָך קיין אידן אין פּאַלעסטינע. די ציוניסטן האָבן געוואָלט ,נאָר די בעסטע אידן״. וואָס־זשע איז עס געווען פאַר אַ שפּיל? אַה, ס׳אַז געווען אַ כיטרע שפּיל, ברייעט העכט. דאָס זיינען געווען צוויי זייטן פון דערזעלבער מטבע. די ציוניסטן האָבן אויסגעבאַקט (העכט זאָגט „אויסגעקאָכט״, קוקד אָפּ״) אַ סיסטעם פון אָפּקלייב: בלויז געקליבענע אידן האָבן זיי געלאָזט פאָרן קיין פּאַלעסטינע. דאָס האָבן זיי געטאָן צוליב זייער אייגענעם „איד סנאָביזם״. אין דערזעלבער צייט האָט עס אויסגעצייכנט געפּאַסט פאַר די אינטערעסן פון די ענגלענדער. און אַזוי זיינען די ציוניסטן און די ענגלענדער געווען האַנט אין הענטשקע געגן די אידן.

ערשט ווען די ענגלענדער האָבן געזען אַז די ווייצמאַן־ציוניסטן וועלן ניט זיין מער בכח צוריקצוהאַלטן די אידן פון לויפן קיין פּאַלעסטינע, אונטערן דרוק פון די היטלער־רדיפות, האָבן זיי אַרויסגעגעבן דעם „ווייסן פּאַפּיר״.

נאָר די אמת׳ע יאָדער ליגט אין העכט׳ס טעאָריע וועגן דער „אָפּקלייב־סיסטעם״: פאַרוואָס טאַקע האָבן די ווייצמאַן־ציוניסטן געשיקט בלויז אָפּגעקליבענע, אויסדערוויילטע קיין ארץ ישראל?

ווייל זיי האָבן גאָרינט געוואָלט קיין לאַנד פאַר׳ן פּשוט׳ן פאָלק, זאָגט ער. וואָס זיי האָבן געוואָלט איז נאָר אַ לענדעלע פאַר דער אידישער אַריסטאָקראַטיע, ריכטיגער געזאָגט — פאַר דער אידישער בורזשואַזיע, „אַן עלעגאַנט לאַנד״ (זיין וואָרט) פאַר רייכע אידן, אַ „נאָבעלע״ און „פאָרנעמע״ ציון, אַ מין יחוס־מדינה, וואו אידישע גבירים זאָלן זיך קענען פּוצן אין אייגענעם גלאַנץ און ניט דאַרפן שמאַכטן די אויגן נאָך אַ בענדל אין באָקינגהעם פּאַלאַץ.

די רייכע, „וויכטיגע" אידן, שרייבט העכט, האָבן זיך ניט געלאָזט אַריינגאַרן. מסתמא דערפֿאַר וואָס זיי, די גרויסע העכט, האָבן סיי ווי געקראָגן זייערע „בענדלאַך". אָבער די ווייניגער רייכע אידלעך וואָס האָבן זיך צוגעהערט צום ציוניסטישן לידעלע, שרייבט ער, זיי „האָבן צו־זאַמען מיט ווייצמאַנ'ען גע'חלומ'ט פֿון אַ באָקינגהעם־פּאַלאַצדיגן הייליגן לאַנד. ווער וויל זיך אָנקערן מיט חיים יאַנקלען פֿון געטאָ, ווען ער קען צוריקשטעלן קרובה'־שאַפֿט מיט שלמה המלך און זיין גלאָריע?"

אָט דאָס איז געווען ציוניזם, נוסח בען העכט...

דאָסדאָזיגע איז אַזאַ טייערע „פּערל", אַ פּערל פֿון סטיל און אַ פּערל פֿון געדאַנק, אַ פּערל פֿון אמת און אַ פּערל פֿון ערליכקייט, און אַ פּערל פֿון טענה און אָנקלאַגע געגן ווייצמאַנ'ען און זיין גאַנצן פֿאַרפֿירערישן און פֿאַרדאַרבליכן ציוניסטישן דור, אַז ס'איז ראוי און כדאי צו ווערן איבערגעגעבן אין פֿולן גלאַנץ אין העכט'ס אייגענע ענגלישע ווערטער:

> "But such rich ones as had ears for the Zionist pitch dreamed along with Weitzman of a Buckingham Palace of a Holy Land. Who wants to be related to Chaim Yankel from the ghetto when he can re-claim kinship with Solomon and his glory?" (p. 22).

אָבער געווען איז עס, משפּט אָפּ בען העכט, פֿון אָנהויב ביז'ן סוף אַ שווינדל („פֿראָוד"). ווייצמאַן האָט באַשווינדלט אי די רייכע, אי די אָרימע. וואָרים אַ „הויך־קלינגענדיגע" („האַי פֿאַלוטין") פּאַלעסטינע, שרייבט בען העכט, קען טאַקע זיין גאַנץ אַנציענד, אָבער זי קען ניט געשאַפֿן ווערן קינסטליך; זי מוז וואַקסן נאַטירליך אַזוי ווי אַ בוים וואַקסט.

נאָר, זאָגט ער, ס'איז געווען אַ „ביטערער שפּיל" פֿון אַ שווינדלער („קאָן־מען") אַרויסצוקריגן געלט פֿון די רייכע. און די מיליאָנען אידן אין די געטאָס, דערציילט אונז ווייטער בען העכט, וועדליג עולם גולם, איז געווען אָנטציקט פֿון דעם ציוניסטישן „סנאָביזם", וואָס האָט זיי אָוועקגעשאַרט אין אַ זייט, און זיי האָבן נאָך געשמאַקער געטראָגן זייערע אָרימע גראָשנס לטובת די „גליקליכע אין פּאַלעסטינע".

האָט איר אַמאָל געהערט פֿון אַזאַ ציוניזם? האָט ווער אַמאָל געהערט? איז אַזאַ ציוניזם ערגעץ געווען אויף ים, יבשה אָדער מעבר לים? אויף וועלכע דערנער האָט ער צונויפגעקליבן זיין וויסטע טעאָריע?

לאָמיר פֿונדעסטוועגן פּרוּוון געפֿינען אַ שטיקל סדר אין דעם פּלאָנטער פֿון העכט'ס שגעון. יע, ס'איז געווען אַן „אָפּקלייב".

נאָר די מעשה מיט דער סיסטעם פון אָפּקלייב האָבן ניט ווייצמאַן און זיינע ציוניסטן אויסגעבאַקן אָדער אָפּגעקאָכט, נאָר ענגלאַנד. ווען די מאַנדאַטן־מאַכט האָט אָפּגעריסן דעם עבר־הירדן, די גרעסערע און בעסערע העלפט פון ארץ ישראל, און האָט אָנגעהויבן צוריקטרעטן אויף דער באַלפור־דעקלאַראַציע, האָט זי באַשרענקט די צאָל אימי־גראַנטן וואָס זי האָט אַריינגעלאָזט קיין פּאַלעסטינע. יעדן יאָר פלעגט זי כלומר׳שט אָפּשאַצן וויפיל דאָס לאַנד קען אַריינעמען. די אַזוי־גערופענע „אויפנאַמס־פעאיגקייט”, און לויט דעם פלעגט זי אַרויס־געבן אַ צאָל וויזעס אָדער סערטיפיקאַטן. יעדן יאָר איז אָנגעגאַנגען אַ דינגעניש: די ציוניסטן האָבן געפאָדערט וואָס מער, ענגלאַנד האָט געגעבן וואָס ווייניגער.

די סערטיפיקאַטן פלעגן קריגן די ציוניסטן אין דער האַנט אַריין. די ציוניסטן און די אידישע אַגענטור פלעגן אויסהאַלטן „הכשרה”־פאַרמס, וואו יונגעלייט און יונגע פרויען, אידעאַליסטן און פיזיש־פּאַסיגע, פלעגן צוגעגרייט ווערן פאַר פּראָדוקטיווע צוועקן, אין אַגרי־קולטור אָדער אינדוסטריע, און בכלל פאַר׳ן שווערן לעבן אין דעמאָלט־דיגן פּאַלעסטינע, און זיי פלעגן קריגן די סערטיפיקאַטן. דאָס זיינען געווען די „אָפּגעקליבענע”.

דאָס זיינען געווען ווייצמאַנ׳ס „בורזשויען”.

איך האָב אין מיין באַזיץ אַ בוך, אַרויסגעגעבן לכבוד ווייצמאַנ׳ס זיבעציגסטן געבורטסטאָג. אין דעם בוך, צווישן אַ סך אַנדערע זאַכן, געפינט זיך די רעדע וואָס ווייצמאַן האָט געהאַלטן אין יאָר 1936 אין ירושלים פאַר דער קעניגליכער קאָמיסיע, באַקאַנט אַלס די „פּיל קאָמיסיע”. און פון דאָרט איז כדאי פאַר אונזער שמועס אַרויסצונעמען עטליכע, בלויז עטליכע געציילטע שורות. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער נאַציאָנאַלער „היים” וואָס די באַלפור־דעקלאַראַציע איז מבטיח צו אידן, און ווייצמאַן טענה׳ט פאַר די לאָרדן:

„וואָס הייסט אַ ,היים׳? אַ היים איז אַן אָרט וואוהין יעדערער קען זיך אומקערן פריי. ענגלאַנד מעג זיין איבערבאַפעלקערט, בעלגיע מעג זיין איבערבאַפעלקערט; נאָר ווען אַ בעלגיער קומט צוריק פון גלות, פרעגט מען אים ניט ביי דער גרעניץ אויב ער פאַלט אַריין אין דער אויפנאַמס־פעאיגקייט פון בעלגיע אָדער ניט...”

און ווייטער זאָגט חיים ווייצמאַן צו די הויכגעשטעלטע ענגלישע לייט: „איך האָב אָפט געלייענט אין דער ענגלישער ליטעראַטור, אַז די ציוניסטן האָבן אַריינגעבראַכט דעם אָפּפאַל פון אייראָפּע קיין פּאַ־לעסטינע. פאַר מיין צייט האָבן מיר אַריינגעבראַכט צוויי דורות יונגע

מענער און פרויען אין פּאַלעסטינע. אמת, אַ סך פון זיי זיינען געווען הויל, נאַקעט, היימלאָז... נאָר אויב זיי פאַרדינען די באַצייכענונג „אַפּפאַל פון איראָפּע״, וואָלט איך געוואָלט פאַררעכנט ווערן צווישן דעמדאָזיגן אָפּפאַל״ („חיים וויצמאַן״, ז. 323).

אָט דאָ האָבן מיר דעם גאַנצן וויצמאַן: וויצמאַן דעם „ענגלישמאַן״, וויצמאַן דעם „קנעכט״, וויצמאַן דעם „סנאָב״, און וויצמאַן דעם בויער פון אַ „יחוס־מדינה״ פאַר אידישע גבירים.

איך האָב זיך לאַנג געבראָכן דעם קאָפּ צו דערגרונטעווען דעם זין פון העכט׳ס יחוס־מדינה און צו טרעפן פונוואַנען אַזאַ געדאַנק האָט געקענט קומען צו אים. און אָט איז דער שלוס צו וועלכן איך בין געקומען:

„סעלעקציע״ — דאָס איז געווען. דאָס איז געווען די סיסטעם פון סערטיפיקאַטן. מענשן מיט קאַפּיטאַל האָבן געקענט אַריינקומען קיין פּאַלעסטינע אָהן סערטיפיקאַטן (נאָר ליידער זיינען זיי ניט געפאָרן): דאָס האָט פאַרפירט העכט׳ן צו דעם שגעון אַז דער ציוניזם האָט נאָר געשטרעבט צו אַ מדינה פאַר דער אידישער גביר׳אָקראַטיע. דאָן איז געווען אַחד העמ׳ס שיטה פון אַ גייסטיגן צענטער אין ארץ ישראל, אַ מין מדינה פון גייסטיגער אַריסטאָקראַטיע. פונדאַנען שטאַמט העכט׳ס געדאַנק וועגן אַ „נאָבעלער״ מדינה׳לע.

אָט דאָס, ניט אַנדערש, זיינען די עלעמענטן פון וועלכע בען העכט האָט אויסגעפלאָכטן זיין קוילעטש פון אַ ליאַלקע־מדינה פאַר אידישע גבירים, אַ מין „וויק ענד״ רעזאָרט פאַר אידישע בורזשויען, און ווער ווייסט, אפשר מיט זייערע „קיוטיס״ ביי דער זייט דערצו...

אַזוי פירט אונז העכט דורך דער גרויסער אידייע וואָס האָט געפירט צו מדינת ישראל.

ס׳איז נאָכאַמאָל די „לומדות״ ווי ביי קעניג אַחאָב, דעם פעניציישן קעניג, דעם פאָטער פון די אַנטיסעמיטן...

אָט אַזאַ דיסערטאַציע וועגן ציוניזם ליגט אַוועק אונזער פּראָפעסער פאַר דער וועלט אין זיין „פּערפידי״, ווירקליך אַ בוך פון פאַרראַט. און ביי דער דאָזיגער סטאַנציע וויל איך זיך פאַרהאַלטן נאָך לאַנג גענוג זיך צו פאַרנויגן פאַר די אַמעריקאַנער אידן און זיי גראַטולירן אויפ׳ן שיינעם פּראָדוקט פון אַ זון, וואָס זיי האָבן אַרויסגעגעבן, וועלכער באַהאַנדלט אַ גרויסן פירער פון אַ דור און דעם לעבנס־אידעאַל פון אַ פאָלק, מיט דעמזעלבן סטיל און גייסט וואָס ער אַנטפּלעקט מיט אַזאַ גלאַנץ אין „קיוטי״.

די פאַרפעלטע שעה

נאָך לאַנג פאַר דער מלחמה, פאַרזיכערט אונז בען העכט, אין די 30ער יאָרן, האָט מען געקענט ראַטעווען די זעקס מיליאָן אייראָפּעאישע אידן. נאָך געווען צייט. און וואוהין האָט מען זיי געקענט ראַטעווען? קיין פּאַלעסטינע. נאָר חיים ווייצמאַן האָט ניט דערלאָזט...

דאָס איז זייער אַ גרויסער ביסן וואָס העכט האָט אָפּגעביסן. לאָמיר זען צי ער קען אים אַראָפּשלינגען.

לאָמיר כאַפּן אַ קורצן בליק אויף עטליכע היסטאָרישע פאַקטן. פשוט'ע פאַקטן, וועגן וועלכע ס'קענען ניט זיין קיין גרויסע חילוקי דעות און קיין ליידנשאַפטליכע און צו־להכעיס'דיגע טענות ומענות.

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן אין 1914, דאָס גיבן אַלע צו, בין איך זיכער. די באַלפור־דעקלאַראַציע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם 2טן נאָוועמבער, 1917 — דערין זיינען אַלע מודה, ניט אמת? דעם 7טן נאָוועמבער, 1917, איז פאַרגעקומען די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד — דערין, גלויב איך, וועלן אויך אַלע איינשטימען. דער ענגלישער מאַנדאַט אויף פּאַלעסטינע איז אָנגענומען געוואָרן פון דער פעלקער־ליג אין אַפּריל, 1920: דאָס, בין איך זיכער, וועט אויך קוים עמיצער באַשטרייטן. אין אַפּריל, 1922, האָט אַמעריקע גוטגעהייסן די דעקלאַראַציע און דעם מאַנדאַט: איז דאָ עמיצער וואָס וועט דאָס סותר זיין? ניין? „דאָמיט פאַסירט".

אין אונזער צעריסענער וועלט איז אַזאַ איינשטימיגקייט אויף לוח אויך אַ גרויסער חידוש.

ווען די ערשטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג אין איין אויגנבליק צעשמעטערט געוואָרן אויף פּיצ־פּיצלעך. די דייטשישע און עסטרייכישע ציוניסטן זיינען אָפּגעשניטן געוואָרן פון די ציוניסטן פון אַלע אַליאירטע לענדער. אַ פייערדיגע וואַנט האָט זיי געהאַלטן צעשיידט פיר יאָר צייט. נאָך דער מלחמה איז די באַוועגונג געלעגן צעשניטן אויף איינציגע גלידער, און יעדער גליד אין זיין באַזונדער לאַנד האָט קוים געוויזן אַ צוק לעבן.

אָבער שטעלט אַוועק אין איין שורה די צוויי דאַטן: נאָוועמבער 2, 1917, און נאָוועמבער 7, 1917 — דעם טאָג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע און דעם טאָג פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, ביידע אין איין וואָך! — קיין צוויי מער פאַטאַלע דאַטן האָבן זיך קיינמאָל ניט באַגעגנט אין דער געשיכטע...

ס'איז געווען דער גרעסטער קלאַפּ אין דער געשיכטע פונ'ם ציוניזם.

דער ציוניזם איז געווען די זאַך פון רוסישן אידנטום מער ווי פון יעדער אַנדערער אידישער געמיינדע אין דער וועלט: דאָ איז ער אויסגע'חלומ'ט געוואָרן, דאָ איז ער צייטיג געוואָרן. פאַר'ן רוסישן אידנטום איז ער געשאַפן געוואָרן, און פון דעם רוסישן אידנטום איז זיין פאָן צום העכסטן געטראָגן געוואָרן. זיינע מחנות זיינען געגאַנגען פאַראויס.

און פונקט דעמאָלט ווען דער ציוניזם האָט, אין דער באַלפור־דעקלאַראַציע, איינגענומען זיין ערשטע פעסטונג אויפ'ן ערשטן שפּיץ באַרג, האָט זיך אַן אייזערנער פאַרהאַנג אַראָפּגעלאָזט אויפ'ן רוסישן אידנטום און האָט אים טאָטאַל אָפּגעשניטן. ביז'ן היינטיגן טאָג: דאָס רוסישע אידנטום, וואָס אַלע גרויסקייט־ווערטער אין אַלע ווערטערביכער קענען ניט אָפּמאָלן זיין גרויסקייט. דער ציוניזם אין רוסלאַנד איז גלייך פאַרבאָטן געוואָרן ווי קאָנטער־רעוואָלוציע. דער רוקנביין פון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז איבערגעבראָכן געוואָרן.

אידעאָלאָגיש אויך. וואָרים עס האָט געהייסן: צו וואָס גיין וואַרטן אויף משיח'ן אין ירושלים, אַז ער איז שוין אָנגעקומען אין מאָסקווע?

אין פּוילן, ליטע און לאַטוויע, נאָך לענדער מיט גרויסע אידישע רעזערוואואַרן, איז אין זעלבן פּעריאָד אויך פאַרגעקומען גרויסעס. די־דאָזיגע לענדער זיינען געוואָרן זעלבסטשטענדיג און זיי האָבן אָנגענומען פּראָגרעסיווע קאָנסטיטוציעס מיט גלייכע רעכט פאַר אידן, מיט אַ גרויסער מאָס קולטורעלער אויטאָנאָמיע פאַר זיי. אין ליטע איז אַפילו געווען אַ באַזונדערער אידישער מיניסטעריום. שיינע אילוזיעס האָבן זיך צעשפּילט פאַר אידישע אויגן און — זיי בלינד געמאַכט.

אין אַזאַ צייט האָט מען געדאַרפט זיין אַן איבערמענטש נאָך צו גלויבן אין דער ציוניסטישער אידייע, און אַ וואונדער־מענטש אויפצולעבן צוריק דעם צעפאַלענעם גוף פון דער באַוועגונג. חיים וויצמאַן איז געווען ביידע מענטשן.

נאָר אַז ער האָט גערופן אידן צו גיין קיין ארץ ישראל, האָט מען זיך ניט גערירט פון אָרט. ער האָט גערופן: „אידיש פאָלק! וואו ביסטו?" (זיינע ווערטער), און קוים האָט זיך ווער אָפּגערופן.

איז געלעגן ארץ ישראל פריי, דער וועג איז געשטאַנען גלייך, די טירן געווען אָפן, ניט געווען נאָך קיין „ווייסע פּאַפּירן", מ'האָט נאָך ניט געדאַרפט קיין „סערטיפיקאַטן", אָבער בלויז אַ דינע רינעלע פון עולים־אידעאַליסטן האָט געריזלט אין לאַנד אַריין.

צו דער דאָזיגער צייט פון נידעריגסטן אָפּפלוס אינ'ם ציוניזם — גראָד ווען די כוואַליעס האָבן געדאַרפט שלאָגן צום העכסטן! — געהערט ווייצמאַנ'ס וואָרט, אפשר דאָס טראַגישסטע וואָרט אין זיין קאַריערע, ווען, קוקנדיג אויף די גרויסע פּאָליטישע דערגרייכונגען פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, דעם מאַנדאַט פון דער פעלקער־ליג און אַמע־ריקע'ס אָפיציעלער צושטימונג, פון איין זייט, און אויף אידישער גלייכגילטיגקייט פון דער אַנדערער זייט, האָט ער מעלאַנכאָליש געזאָגט:

„מיר האָבן געוואונען אויף אונזער זייט אַלעמען, אויסער די אידן".

די צייט איז געלאָפן און עס האָט ניט לאַנג געדויערט און די שיינע אילוזיעס פון די אידן אין איראָפּע פון נאָך דער וועלט־מלחמה האָבן אָנגעהויבן צערינען. רוסלאַנד האָט זיך פאַרשלאָסן אַלץ שטייפער און שטייפער. אין פּוילן, ליטע און לאַטוויע האָט מען ביסלעכווייז אַוועק־געדריבלט די ניי־געוואונענע אידישע רעכט און מען איז אַריבער צו דער אַלטער רעכטלאָזיגקייט און אַנטיסעמיטיזם. דער היטלעריזם האָט אָפן פּראָקלאַמירט זיין ציל צו פאַרניכטן די אידן פון דער וועלט. און ענגלאַנד האָט אָנגעהויבן אָפּצורייסן שטיקער פון פּאַלעסטינע, פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע און פון דעם מאַנדאַט.

פונדעסטוועגן האָט מען נאָך אַלץ געקענט פאָרן קיין פּאַלעסטינע.

נאָר עס זיינען געשטאַנען די חסידישע צדיקים פון איין זייט און האָבן גוזר געווען: מ'פאָרט ניט! און פרומע אידן זיינען ניט געפאָרן.

און עס זיינען געשטאַנען די בונדיסטן פון דער אַנדער זייט און גע־זאָגט: מ'בלייבט אויף די ערטער! און ראַדיקאַלע אידן זיינען ניט געפאָרן.

און די קאָמוניסטן האָבן אַוודאי געשטעקט פלעקער אין די רעדער.

מאַנכע פון די גרעסטע שרייער היינט, אַז די ציוניסטן האָבן פאַר־ראַטן, זיינען געווען צווישן יענע וואָס האָבן געזאָגט: מ'פאָרט ניט, מ'בלייבט אויף די ערטער און אַז משיח איז שוין אין מאָסקווע און וועט באַלד זיין דאָ אויך...

אָבער ס'האָבן ניט געפעלט קיין אַנדערע וואָס האָבן געוואוסט בעסער.

געווען זאב זשאַבאָטינסקי. אַ העלזעער, וואָס האָט געזען ביינאַכט וואָס אַנדערע האָבן ניט געזען בייטאָג. אויף אָדלער־פליגל איז ער

געפלויגן פון לאַנד צו לאַנד און פון איד צו איד און האָט אַריינגע־שריען אין יעדן אויער: עס גייט אַ פייער, עס קומט אַ פאַרלענדונג! ראַטעוועט כאָטש אַ מיליאָן אידן פון פוילן קיין ארץ ישראל! האָט מען פון אַלע זייטן אויף אים געהעצט: פאַשיסט! פאַשיסט! פאַשיסט!

עס האָט זיך אָנגעהויבן די אידישע בהלה אין דייטשלאַנד. היטלער האָט נאָך געלאָזט אידן אַרויס, נאָר ניט מיטנעמען זייער געלט. פאַר׳ן געלט האָבן זיי געקענט נעמען דייטשישע סחורה און מאַשינען. האָבן די ציוניסטן געזאָגט: „מיר נעמען די אידן און די סחורה, קומט קיין ארץ ישראל!" אַ קליינע מחנה האָט זיך אָפּגערופן. און אַזוי איז אַרויס־געראַטעוועט געוואָרן די ווערטפולע דייטשישע עליה. נאָר אַנדערש־וואו האָבן אידן געפירט אַ באָיקאָט אויף דייטשישע סחורות און מ׳האָט דערפאַר די ציוניסטן גערופן: נאַציס! נאַציס! נאַציס!

חיים וויצמאַן און זאב זשאַבאָטינסקי האָבן זיך געקענט קריגן וועגן טאַקטיק און מעטאָדע, אפילו וועגן דער צורה פון דעם אידישן ישוב, אָבער זיי האָבן געהאַט איין האַרץ וועגן ארץ ישראל.

דעריבער איז עס אַזאַ מורא׳דיגע אומרעכט ווען בען העכט קומט, נעמט דאָס צאַפּלדיגע האַרץ פון דעם גרויסן פירער, שטעכט עס אַרויף אויפ׳ן שפּיזל פון זיין פּען און בראָט עס אויף די קוילן פון זיין סאַר־קאַזם, למאי חיים וויצמאַן האָט אין אַ רעדע אויף אַ ציוניסטישער קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, אין אויגוסט 1937, אַזוי געזאָגט:

„איך האָב געזאָגט דער ענגלישער קעניגליכער קאָמיסיע, אַז די האָפענונגען פון איראָפּע׳ס זעקס מיליאָן אידן איז איינגעשטעלט אויף אויסוואַנדערונג. האָט מען מיך געפרעגט: ,קענסטו ברענגען זעקס מיליאָן אידן קיין פאַלעסטינע?' כ׳האָב געענטפערט: ניין"...

מיינט בען העכט אַז אין יענעם ענטפער צו וויצמאַנ׳ען איז אָנטשידן געוואָרן דער גורל פון די זעקס מיליאָן צו אונטערגאַנג. וויצמאַן האָט, הייסט עס, גאָר געדאַרפט ענטפערן „יאָ", און זיי וואָלטן געראַ־טעוועט געוואָרן...

אָבער וואָס אַנדערש, פרעגט זיך, איז אין יענער לאַגע געווען צו ענטפערן? האָט וויצמאַן געהאַט די זעקס מיליאָן אידן אין דער האַנט? האָט ער געהאַט פאַלעסטינע אין קעשענע?

אויב שולדיג, איז דאָ גאַנץ כלל ישראל שולדיג.

געווען איז נאָך אַ מאָמענט אין דער זאַך, אַ מאָמענט וואָס פירט אונז אַריין אין דער טיפער מיסטיק פון דער אידישער געשיכטע, אַ מיסטיק וואָס בען העכט פאַרמאָגט גאָרניט די כלים צו באַנעמען,

אָבער סוף כל סוף רעד איך דאָך ניט צו אים, נאָר צו די קרבנות פון זיין בוך, די פאַרראַטענע פון זיין פאַרראַט...

אין דעם אידנטום שטייען מיר פאַר אַ גרויסער רעטעניש: אַלע אידישע תפילות און אַלע מצוות וואָס זיינען ,אַן אָנדענק', אַ ,זכר', זיינען אַן אָנדענק פון דעם אַרויסגאַנג פון מצרים, ,זכר ליציאת מצרים'. אפילו שבת, וואָס איז קודם כל אַ ,זכרון למעשה בראשית', אַן אָנ־דענק פון דעם וועלט־באַשאַף, איז אין דער זעלבער צייט אַ ,זכר ליציאת מצרים'."

אָבער מיר האָבן ניט קיין איין יום־טוב, און קיין איין תפילה, ווי אַן אָנדענק צום אַריינקומען קיין ארץ ישראל, אַ „זכר לביאת הארץ". סוף כל סוף זיינען דאָךביים אָנקומען קיין ארץ ישראל אויך געשען גרויסע נסים: דער ירדן האָט זיך געשפּאָלטן, אַזוי ווי דער ים סוף, די זון האָט זיך אָפּגעשטעלט אין גבעון. און וואָס איז דען געווען דער תכלית פון יציאת מצרים? דאָס אַריינקומען קיין ארץ ישראל.

נאָר משמעות, אַז אין גאולה איז דער עיקר נס, ניט אַזוי דאָס אַריינ־גיין אין דעם אייגענעם לאַנד, ווי דאָס אַרויסגיין פון דעם פרעמדן. אַרויסרייסן די וואָרצלען פון דעם גלות, זיך אויפהויבן און גיין — דאָס הפנים איז דער אמת'ער וואונדער און נס, וואָס אַנטקעגן אים איז דאָס אָנקומען צו זיך אַליין און דאָס אַריינגיין אין אייגענעם לאַנד און רשות אַזוי ווי דער קריעת ירדן געגן קריעת ים סוף.

און דאָס מיינט אויך געוויס דער פּסוק, וואָס פרעגט: צי איז גע־ווען נאָך ערגעץ אַזאַ וואונדער, אַז גאָט זאָל „קומען און אַרויסנעמען אַ פאָלק פון צווישן אַ פאָלק" (דברים ד' ל"ד) — איינער פון די מורא־דיגסטע פּסוקים אין דער תורה.

דאָס אייגענע מיינען אויך געוויס די חז"ל ווען זיי לערנען אונז, אַז משה האָט אָנגעזאָגט יהושע'ן ער זאָל אַריינברענגען די אידן קיין ארץ ישראל אַפילו מיט גוואַלט, אַפילו ווען ער זאָל זיי דאַרפן שלאָגן מיט שטעקנס איבער די קעפּ (רש"י, דברים ל"א, ז').

דאָס, ווי געזאָגט, געהערט צו דער מיסטיק פון דער אידישער גע־שיכטע. דידאָזיגע מיסטיק האָט געווירקט צווישן די אידן אין יענע יאָרן נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, ווען די וועגן קיין ארץ ישראל זיינען געשטאַנען אָפן און האָבן געלאָקט, נאָר אידן זיינען געבליבן זיצן אויף די ערטער.

און מיר אַמעריקאַנער אידן, און אַלע אידן וואָס לעבן אין די פרייע לענדער — מיר געפינען זיך היינט אין דער גוואַלט פון דערדאָזיגער מיסטיק, וואָס מיר קענען ניט פאַרשטיין און קענען ניט ביישטיין. עס

שטייט מדינת ישראל אָפן און רופט צו אונז: קומט! און מיר רירן זיך אויך ניט פון די ערטער...

און ווער ווייס וואָס פאַראַ גורל עס ליגט דערין באַהאַלטן, פאַר אונז און אונזערע קינדער, און אויך פאַר דער מדינה גופא...

פונדעסטוועגן, געגן אָט דעם גאַנצן טראַגישן הינטערגרונט פון ווייצ־מאַנ׳ס געשרייען און פון אידישער גלייכגילטיגקייט, קומט בען העכט און לאָזט אַרויס אַזעלכע פראַזן:

אפילו די סכנה פון היטלעריזם האָט וויצמאַנ׳ען „ניט באַוואויגן צו דערגנגען אויף די זעקס מיליאָן אידן פון אייראָפּע זיי זאָלן זיך ראַטע־ווען קיין פּאַלעסטינע”...

און ווייטער: אַפילו דאַן האָט ווייצמאַן ניט געוואָלט בייטן זיין געדאַנק, אַז „דאָס צוגעזאָגטע לאַנד איז ניט קיין פּלאַץ אַנצושטאָפּן מיט אידן” (ז. 19).

דאָס איז עפּעס אומבאַשרייבליך שרעקליך. נאָר באַלד אויף דעמ־זעלבן זייטל באַגעגענען מיר עפּעס וואָס איז אומבאַשרייבליך קאָ־מיש: בען העכט נעמט קנעלן מיט חיים ווייצמאַנ׳ען וואָס אמת׳ער ציוניזם איז.

ווייצמאַן — דערציילט אונז דאָרט העכט — האָט געהאַלטן שיינע רעדעס וועגן ציוניזם, נאָר דער עיקר האָט דאָרט געפעלט. ס׳האָבן דאָרט געפעלט, זאָגט ער, די לעבעדיגע אידן פון העסטער סטריט, פון די וואַרשעווער נאַלעווקיס, פון דער פּינסקער געטאָ, די פּשוט׳ע פּושקאַרד־פּעדלער און די פּראָסטע טלית־טרעגער...

ווייל נישט קיין אמת׳ע מדינה פאַר עכטע אידן, קלאָגט העכט, האָט ווייצמאַן געוואָלט שאַפן אין פּאַלעסטינע, נאָר אַ „טיפּאַני׳ס פענסטער פאַר פינקלדיגע אידן” — טיפּאַני׳ס איז דאָס רייכסטע צירונג־געשעפט אין אַמעריקע.

און העכט פאַלט ווידער אַריין אין זיין האַלוצינאַציע, אַז ווייצמאַן האָט נאָר געוואָלט אַ מין יחוס־מדינה׳לע פאַר אידישע מיליאָנערן, עפּעס אַ לוקסוס־מלוכה׳לע, אַ ליאַלקע־לענדעלע, ניט פאַר נוץ נאָר פאַר פּוץ.

דאָ, ביי דער זייט פון דערדאָזיגער אַרגומענטאַציע, אַז חיים ווייצ־מאַן און די ציוניסטן האָבן ניט געוואָלט „אָנפּאַקן” פּאַלעסטינע מיט אידן, איז אויסערסט כדאי אָוועקצושטעלן די פאַרקערטע טענה פון אַן אַנדער צד, באַזונדערס די בונדיסטן, אַז די ציוניסטן האָבן מיט גוואַלט געשלעפּט אידן קיין ארץ ישראל. דידאָזיגע באַשולדיגונג באַ־ציט זיך דער עיקר אויף דעם פּעריאָד פון באַלד נאָך דער מלחמה,

ווען די לעבנגעבליבענע אידישע קאַצעטניקעס האָבן נאָך געשמאַכט אין די לאַגערן. עס האָט געהייסן, אַז די ציוניסטן אין יענער צייט האָבן מיט אַלערליי טעראָר־מיטלען געצוואונגען די פּליטים צו פאָרן קיין ארץ ישראל אינגאַנצן געגן זייער ווילן, פאַרשטעלנדיג זיי דעם וועג צו אַנדערע און בעסערע לענדער. די ציוניסטן, טענה׳ט די טענה, האָט זיך געוואָלט האָבן אַן אייגענע מדינה, האָבן זיי באַנוצט אַלע מעגליכע און אוממעגליכע שפּיצלעך, רשעות׳ן און גרויזאַמקייטן צו קירעווען די פּליטים קיין ארץ ישראל (זע בונדישער זשורנאַל „אונזער צייט״, נויאָרק, נאָוועמבער, 1958; אויך ענטפער אויף די טענות אין אַרטיקל „דאָקומענטן״ פון חיים ליבערמאַן, „פאָרווערטס״, דעצעמבער 22, 1958). ווי זשע גלייכט מען אויס די סתירה?

צו דערגאַנצן דאָס בילד, לאָמיר געבן אַ שילדערונג פון אַ טיפּישער סצענע ביים אָנקומען פון אַן אומלעגאַלער שיף מיט אַזעלכע פּליטים, וואָס די ענגלענדער האָבן געכאַפּט ביי די ברעגן פון ארץ ישראל. די צייט איז די צייט ווען ערנעסט בעווין איז געווען אויסלאַנדס־מיניסטער אין דער לייבאָר־רעגירונג אין ענגלאַנד און ער האָט געלייטעט די פּאָליטיק בנוגע ארץ ישראל:

„מערקווירדיגע סצענעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין דעם האַפן פון חיפה, ווען די ענגלענדער האָבן געכאַפּט אַן אומלעגאַלע „שיף״ מיט עולים און זיי האָבן גענומען אַריבערזעצן די אידן פון זייער אייגענער „שיף״ אויף אַן ענגלישער שיף, זיי אָפּצופירן קיין ציפּערן. אַרום הונדערט אידן זיינען אַריינגעשפּרונגען אין ים, און זיך ראַנגלענדיג מיט די כוואַליעס האָבן זיי געזונגען די „התקוה״ און האָבן געקעמפט מיט די ענגלישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיי געשלעפּט פונ׳ם וואַסער. געווען צווישן זיי אויך פרויען. מאַנכע פון די פּליטים זיינען געווען שטאַרקע שווימער און האָבן איינגעשוואומען אַ פערטל מייל, ביז די ענגלענדער אין זייערע שיפלעך האָבן זיי אָנגעיאָגט, פאַרוואָרפן שטריק אַרום זיי און זיי גענומען אַרויסשלעפּן פונ׳ם וואַסער. אַנדערע האָבן געפּרואווט אַ צווייטן מאָל שפּרינגען אין וואַסער אַריין. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן זיך ליבערשט דערטרינקען איידער זיך לאָזן אַוועקפירן צוריק פון ארץ ישראל״ („פאָרווערטס, סעפּטעמבער 30, 1946).

דידאָזיגע סצענע וועט העלפן אַנטשיידן דעם וויכוח פוןביידע זייטן: צי האָבן די ציוניסטן געוואָלט האָבן אַ אידן־רייניגע פּאַלעסטינע, און צי זיי האָבן מיט גוואַלט געטריבן די אידן אין ניט געווינשטן לאַנד אַריין...

מיט פרעמדע אויגן

איך קום נאָכאַמאָל צו בען העכט'ס האַלוצינאַציע, אַז חיים ווייצמאַן האָט געזוכט אין ארץ ישראל, ניט קיין היים פאַר אידישע מאַסן, נאָר אַ מין צירונג־קעסטעלע פון אַ לענדעלע פאַר באַגילדעטע אידישע בורזשויען. אַן אַנדערס מאָל רופט עס העכט „אַ אידיש־ענגלישע פאַרשטאָט", אויך „אַ מער אָדער ווייניגער אידנלאָזע („דזשו־לעס") פאַלעסטינע" (ז. 93). דאָס און ניט מער זאָל ווייצמאַן האָבן געוואָלט. און פאַרשטייט זיך, אַז ווייצמאַן איז דאָ אַ סימבאָל פאַר'ן גאַנצן ציוניזם: פאַר „בן־גוריון, שרת און קאָמפּאַני" און פאַר דער אידישער אַגענטור.

איך דערמאָן עס, ווייל דאָס איז ניט די איינציגע האַלוצינאַציע אין „פּערפידי", און ניט די ערשטע.

דאָס גאַנצע בוך איז אַ בוך פון האַלוצינאַציעס. זיי וואַקסן אַרויס „נאַטירליך" איינע פון דער אַנדערער. אַ מענש דאַרף זיך נאָר אַריינגעמען אין קאָפּ אַז ער איז, למשל, אַ הונט, דערנאָך איז שוין נאַטירליך, אַז ער זאָל בילן און בייסן און ליגן אונטער'ן בעט.

אויב ווייצמאַן האָט ניט געוואָלט האָבן קיין סך אידן אין פּאַלעסטינע („נאָ פלעיס טו קראַוד אָפּ וויטה דזשוס", ז. 19), דאַן איז שוין גאָרניט קיין איבעראַשונג, נאָר גאַנץ נאָרמאַל די האַלוצינאַציע, וואָס קומט אונז אַנטקעגן אין די פאָלגנדע שורות:

„די פירער פון דער אידישער אַגענטור און פון ציוניזם אין 1944 האָבן אָפּט געליאַרמט געגן דער מינאָריטעט אידן, וועלכע האָבן געקעמפט צו עפענען די האַפנס פון פּאַלעסטינע פאַר די נאָך ניט געשאָכטענע אידן פון אייראָפּע" (ז. 234); ניט געלאָזט עפענען די טירן וואָס ענגלאַנד האָט פאַרהאַקט.

מיר ווייסן, אַז אַלע יאָר האָבן די ציוניסטן געקעמפט פאַר נאָך אַ סערטיפיקאַט פאַר אַן עולה אַזוי ווי פאַר אַ שטיק גאָלד. מיר ווייסן, אַז אפילו אין די בעסטע צייטן האָבן די ציוניסטן, ביי דער זייט פון דער לעגאַלער אימיגראַציע, אַנגעפירט אַן אומלעגאַלע. אין דער צייט פון דער מלחמה איז אָרגאַניזירט געוואָרן די „העפלה", וואָס האָט

שפעטער אויפגעטאָן וואונדער אין שמוגלען אידן קיין פּאַלעסטינע. אין ישראל, דוכט זיך אין פּתח תקווה, איז דאָ אַ פּערמאַנענטע אויסשטע־לונג פון די שיפלעך, מולטערס און שאַרבנס, מיט וועלכע מען האָט געשמוגלט אידן אין לאַנד אַריין. ישראלים פלעגן אויף די הענט, איבער זייערע קעפּ, טראָגן צום ברעג די עולים וואָס האָבן ניט גע־קענט דערשווימען. אַ לעגענדע איז געבאָרן געוואָרן, אַז דער ברעג פון ישראל רירט זיך און רוקט זיך אַרויס טיפער אין ים אַריין, צו באַגעגענען די אַריינגע׳גנב׳טע אידן. צו די הייליגע באַגריפן פון „הכנסת כלה״ און „הכנסת אורחים״ איז אַ נייער הייליגער באַגריף געבאָרן געוואָרן: „הכנסת עולים״. מיט אַ כלה גייען מלאכים זי צו היטן. מיט אַן אורח קומט די שכינה. און מיט אַן עולה ווער קומט? משיח קומט, עס קומט די גאולה! אַ איד ווערט אויסגעלייזט! און אַז אידן ווערן אויסגעלייזט, ווערט די שכינה אויך אויסגעלייזט.

געגנאיבער אַט אַזאַווירקליכקייט, צו קומען און זאָגן, אַז די וויצ־מאַן־ציוניסטן האָבן גאָר געקעמפט ג ע ג ן עפּעמען די פּאַרטן — דאָס קען נאָר געשען אין אַ האַלוצינאַציע.

און ווער איז דאָס „די מינאָריטעט״ געגן וועלכער זיי האָבן גע־קעמפט? דער אירגון. און בען העכט פאַלט צו מיט גרויס באַגייסטע־רונג צו זיין באַליבטער טעמע.

אָבער דער אירגון איז מיין ליבלינג אויך. קיינער וועט מיך ניט איבערשטייגן אין ליבשאַפט, באַגייסטערונג און באַוואונדערונג פון דעם אירגון. דער ערשטער מיטינג פון דעם אירגון, מיט זיין ערשטן שליח קיין אַמעריקע, אריה בן־אליעזר, שפּעטער אַ חבר אין כנסת, איז געווען ביי מיר אין הויז. און נאָך מיטינגען שפּעטער. דר. מאָריס גליוני איז אַ לעבעדיגער עדות. כאָטש קיינמאָל ניט מיט בען העכט׳ן, ברוך השם. איך האָב געשריבן אַ סך לטובת זייער רעטונגס־אַרבעט. טייל אַרטיק־לען זיינען אַריין אין מיין מלחמה־בוך, „ווען די וועלט האָט געברענט״. אויך האָב איך אויף דער ראַדיאָ אַ סך גערעדט וועגן זייער אַרבעט. בען העכט באַשרייבט מיט גליענדיגע ווערטער זייערע העלדישע קאַמפּן געגן דעם ענגלישן אָקופּאַנט אין ארץ ישראל, זייער אָנגריף אויף דער עכו־פעסטונג, זייער באַרימטן אַטענטאַט אויף דעם קינג דעיוויד האָטעל אין ירושלים, וואָס מ׳האָט גערופן „טעראָר״. ס׳איז גוטער מאַטעריאַל פאַר אַ פּעאיגער פּען.

אָבער מבטל זיין די הגנה וואָס האָט צענדליגער יאָרן איינגעהאַלטן דעם ישוב געגן די אַראַבער, אַזוי ווי העכט טוט, און פאָרשטעלן די ציוניסטן ווי שטערער און ניט ווי בויער, ווי קנעכט צו ענגלאַנד,

פאַרפליכטעטע צו דעם באַגריף פון אַ אידישן דאַרף אין פּאַלעסטינע און ניט מער, און אַז דערפאַר האָבן זיי באַקעמפט דעם אירגון, און דערפאַר זיינען זיי געוואָרן קאָלאַבאָראַטאָרס מיט די נאַציס אין דער פאַרניכטונג פון די זעקס מיליאָן — דאָס איז נאָר האַלוצינאַציע, געבאָרן פון פּאַטאָלאָגישער שנאה.

בען העכט איז צו ווייט פון אידן און אידישקייט צו קענען באַנעמען דעם ענין הגנה־אירגון, אָדער די גרויסע חילוקי דעות פון ציוניסטן און רעוויזיאָניסטן. זיין האַרץ איז צו פרעמד פאַר אַזאַ אייגענער אידייע. ער וועט ניט פאַרשטיין ווען מ׳וועט אים זאָגן, אַז דאָס איז געווען אַ מין מאָדערנע פּאָליטישע אויפלאַגע פון בית הלל און בית שמאי, און אַז די און די האָבן געטראָגן ג־ט׳ס וואָרט. הלל און שמאי — ער קען נאָך מיינען אַז דאָס זיינען, חס ושלום, צוויי פעניצישע גלחים, רחמנא לצלן, פון די ערשטע אַנטיסעמיטן. איך ווייס אויך ניט ווי ווייט ער איז דערגאַנגען אין גרעצ׳ס געשיכטע, צי ער האָט דער־גרייכט ביז ירמיהו הנביא, ווער שמועסט ביז ר׳ יוחנן בן זכאי. ווען ער וואָלט יע דערגאַנגען ביז אַהין וואָלט ער געוואוסט, אַז דריי מאָל איז שוין געווען אַן „אירגון״ ביי אידן, טאַקע אין ארץ ישראל, מיט אַזעלכע אויפשטאַנדן און גבורות געגן פרעמדע באַהערשער, וואָס קענען אָנצינדן דאָס בלוט ביי דעם פייערדיקסטן לח״יסט און אירגוניסט. און ירמיהו הנביא און ר׳ יוחנן בן זכאי זיינען דווקא געווען געגן.

אַלע דריי מאָל איז מען דורגעפאַלן. צוויי מאָל אין ירמיהו׳ס צייט, און דאָס דריטע מאָל אין ר׳ יוחנן בן זכאי׳ס צייט. מיט די אימה׳דיגסטע פאָלגן פאַר׳ן אידישן פאָלק אין אַלע דריי פאַלן. נאָך די ערשטע צוויי איז געקומען גלות בבל, נאָכ׳ן דריטן — גלות אדום, וואָס ביז אונזערע אייגענע טעג.

האָבן ניט געמעגט, האָבן ניט געדאַרפט אידישע הערצער ציטערן: טאָמער, חלילה, איז די טאַקטיק פון היינטיגן אירגון געגן ענג־לאַנד אין ארץ ישראל אויך אין סכנה פון אַ דורכפאַל? דעמאָלט וואָלט דאָך דער נייער אָנהויב — נאָך ניט מער ווי אַן אָנהויב! — זיך אויסגעלאָשן, ווער ווייסט, אויף וועלכע אייביגקייטן?

גליקליך איז דער אומוויסנדער! בען העכט האָט ניט געוואוסט פון ירמיהו הנביא און האָט ניט געהערט פון ר׳ יוחנן בן זכאי, און ביז 1939 אַפילו ניט פון גרעצ׳ן. האָט ער ניט געוואוסט פון קיין אַנגסטן. דערפאַר האָט ער די חוצפה צו רופן ווייצמאַנ׳ען און „בן־גוריון, שרת און קאָמפּאַני״ פאַררעטער. אָבער אַזוי האָט מען אויך גערופן ירמיהו הנביא און ר׳ יוחנן בן זכאי. און די וואָס גייען אין זייערע טריט און

שטעלן זיך אין זייער ליכט, דאַרפן זיך זעהר וויניג קימערן ווען די, בען העכטס רופן זיי פאַררעטער און קאַלאַבאָראַטאָרס.

ניין, ניט קיין „טעראָריסטן און דערשראָקענע" זיינען עס געווען, ווי העכט שרייבט, נאָר טרעגער פון צוויי געגנגעזעצטע שיטות. איינע — די שיטה פון הערלאישער אַנשטרענגונג, די אַנדערע — די שיטה פון טראַגישן אויסדויער.

די שיטה פון טראַגישן אויסדויער איז אַן אַלטע, ערנהאַפטע אידישע שיטה. אַן אַנדער נביא האָט זי פאָרמולירט ווי „לא בחיל ולא בכח כי אם ברוחי אמר השם" — ניט מיט קיין חיל און ניט מיט קיין כח, נאָר מיט געטליכן גייסט. דער ציוניזם איז לכתחילה געקומען אויף דער וועלט בלויז ווי אַ מאָראַלישער כח. קיין אַנדער כח האָט ער ניט געהאַט. און די גערעכטיגקייט און זויבערקייט פון דער ציוניסטישער זאַך האָט אַפילו געגנער געצוואונגען צו דרך ארץ. דערנאָך האָט מען דעם ציוניזם צוגעשפּאַנט צום כח פון אַרבעט. חיים ווייצמאַן איז געווען אַ וויסנשאַפטסמאַן. ער איז דערצויגן געוואָרן אויף דער געזעצמעסיג־קייט פון דער נאַטור. פון דער אָרגאַנישער נאַטור. ער האָט געזאָגט, אַז „מיט אַרבעט וועלן מיר פון יעדן וויסן פּאַפּיר מאַכן אַ בלוי־ווייסן". כדי דער קינג דעיוויד האָטעל זאָל קענען אויפגעריסן ווערן האָט ער געדאַרפט פריער אויפגעבויט ווערן.

(בן־גוריונ׳ס און ווייצמאַנ׳ס הסתדרות וואָס האָט אויפגעבויט ארץ ישראל און מעגליך געמאַכט די מדינה, ווערט קיין איינציגן מאָל ניט דערמאָנט אין גאַנצן בוך).

דערפאַר, בשעת אידן האָבן מתפלל געווען פאַר דעם אירגון, האָבן זיי געאַנקערט זייער בטחון אין דער „הבלגה", אין דער פּאָליטיק פון צוריקהאַלטונג.

צוויי גוואַלטיקע כחות זיינען עס געווען איינער געגן אַנדערן.ביידע אָנגעצויגן ווי אַ פייל אויפ׳ן בויגן. ניט איין מאָל האָט עס געדראָאַט מיט אַ בירגער־קריג, אַ ברודער־קריג, דער בלוטיגסטער פון אַלע קריגן. אָבער ביידע צדדים האָבן געדענקט דעם ברודער־קריג צווישן די זעלאָטן און סיקריקין, וואָס האָבן דערנעענטערט דעם אידישן אונטער־גאַנג אונטער דער שווערער מאַכט פון רוים. און מען איז דערגאַנגען צום סאַמע ראַנד פון אָפּגרונט און זיך אָפּגעהאַלטן. די גרויסע ליבשאַפט צום זעלבן לאַנד, צום זעלבן פאָלק, צום זעלבן אידעאַל האָט אַלץ גובר געווען. און די צייט וועט ווייכער מאַכן די קריוודעס און וועט פאַרהיילן די וואונדן אין די הערצער.

אָבער בען העכט קען עס ניט פאַרשטיין. ער האָט טענות צו מנחם

בעגין, דעם רומרייכן קאָמאַנדיר פונ׳ם אירגון: פאַרוואָס איז ער ניט אַרויס צום פאָלק און „אויפגעדעקט די היפּאָקריזע פון דער אידישער אַגענטור?״ (ז. 33). בעת העכט וואָלט נאָך היינט אָנגעצונדן אַ ברודער־קריג אין ישראל. זיין „פערפידי״ איז אַזאַ פייערשטאָף.

מנחם בעגין האָט זיך פּאַטריאָטיש איינגעגלידערט אין דער מדינה־אָרדענונג און איז, בראש פון „חירות״־פּאַרטיי, פירער פון אַ לאָיאַלער אָפּאָזיציע. נאָר בען העכט׳ן געפעלט בעגין ניט מער; ער איז ביי אים אויך ניט מער ווי אַ אידל, וואָס איז ניט אויפגעצויגן געוואָרן ווי אַ גוי. „בעגין האָט אַ צווייטע זייט — שרייבט העכט — כאָטש ער איז געווען הויכער קאָמאַנדיר פון דעם אירגון, מוטיג און גע־ווידמעט צו דער אַרבעט פון אַרויסטרייבן די ענגלענדער, דאָך האָט ער אַן אַלטע אידישע צעשפּאָלטנקייט אין זיין נשמה. ער איז אַ אידי־שער רעוואָלוציאָנער וואָס האָט געהאַט רעספּעקט פאַר אידישער אוי־טאָריטעט״, אַ געפיל פון וועלכן בען העכט איז, צו זיין גליק, פריי. גויים ווייסן ניט פון קיין דרך ארץ פאַר אידישער אויטאָריטעט... (ז. 33).

אָט אַזוי פּלאָנטערט ער זיך אין דעם גרויסן ענין. העכט וועט קיינמאָל ניט פאַרשטיין די באַדייטונג פון מדינת ישראל. נאָך אין 1944, אין זיינע גאָלדענע יאָרן מיט׳ן אירגון אין אַמעריקע, די איינציגע צוויי נוצליכע יאָר אין זיין לעבן, האָט ער געשריבן: „איך וואָלט געווען צופרידן צו זען אַ פאָלק פון אידן אונטער אַ אידישער פאָן, דאָך האָב איך ניט קיין אָנרעגונג בייצוטראָגן עפּעס פון זיך צו זיין קיום. און ווען עס זאָל יע צושטאַנד קומען, איז ווי אַנציענד דאָס זאָל ניט זיין, וואָלט איך געקוקט דערויף מיט אויגן פון אַ פרעמדן״ („גאַיד פאַר די בי־דעווילד״, ז. 273).

גאָלדענע ווערטער! די בעסטע באַשרייבונג פון בען העכט׳ס באַציאונג צו דער אידישער מדינה. און אינדירעקט פון זיין בוך „פערפידי״. ס׳איז אַ בוך פון אַ פרעמדן, וועגן אַן ענין אַ פרעמדן, געזען מיט אויגן פרעמדע. נאָר אויגן וואָס שיסן מיט שלאַנגישן גיפט.

מען פרעגט מיך פון אַלע זייטן: וואָס קען זיין די סיבה וואָס האָט אים באַוואויגן צו געבערן אַזאַ שנאה׳דיג ווערק געגן מדינת ישראל? איינע זאָגן: אַלטער פאַרטיי־קאַמף. אַנדערע זאָגן: קנאה־שנאה פון אַן אָפּגעשטויסענעם העלד. נאָך אַנדערע: אַ פאַרזוך אויפצולעבן אַ געפאַ־לענע פּאָפּולאַריטעט. און איך זאָג:

זאָגט מיר פאַרוואָס ער האָט פיינט דאָס אידישע פּנים ביז צום שפּייען, און איך וועל אייך זאָגן פאַרוואָס ער האָט פיינט די אידישע מדינה ביז צום פאַרברענען... ס׳איז איין סיבה.

דער קאַסטנער־משפּט

וואו־זשע האַלטן מיר אין דעם ענין בען העכט?

מיר האַלטן ביי דער דריטער האַלוציאַציע. ביי דער האַלוציגאַציע, אַז די ציוניסטישע פירער, וויצמאַן, „בן־גוריון, שרת און קאָמפּאַניע״, און אויך די אידישע אַגענטור, האָבן געקעמפט ניט פאַר עפענען די טירן פון פּאַלעסטינע פאַר די אידישע קרבנות, נאָר געגן עפענען זיי. אַפילו אין דער קריטישסטער צייט פון דער מלחמה, ווען מ׳האָט נאָך געקענט ראַטעווען דעם לעצטן מיליאָן אידן, אַ מיליאָן אונגאַרישע אידן.

כדי די דאָזיגע יאָמערליכע זינד צו באַווייזן, ברענגט העכט דעם קאַסטנער־פּראָצעס אין זיין „פּערפידי״. ער ברענגט אים מיט גרויס אויספירליכקייט. דער מאַסיווער טייל פון דעם בוך איז פאַרנומען מיט דעמדאָזיגן היסטאָרישן, נאַציאָנאַלן משפּט.

די צוויי הויפּט־העלדן אין דעם משפּט זיינען דר. רודאָלף קאַסטנער און מלכיאל גרינוואַלד. קאַסטנער איז געווען פאָרשטייער פון דער אידישער אַגענטור אין אונגאַרן און דירעקטאָר פון דער אָרטיגער רעטונגס־אַרבעט אונטער די נאַציס. נאָך דער מלחמה איז ער געקומען קיין ישראל. מלכיאל גרינוואַלד, אויך אַן אונגאַרישער איד, איז געקומען קיין פּאַלעסטינע נאָך אין יאָר 1938, נאָר ער האָט פאַרלאָרן אַ גרויסן טייל פון זיין משפּחה אונטער די נאַציס. און גרינוואַלד האָט אַ לאַנגע צייט געפירט אַן אַגיטאַציע געגן קאַסטנער׳ן, אַז אַנשטאָט צו ראַטעווען אידן האָט ער קאָלאַבאָרירט מיט די נאַציס און האָט געהאָלפן אומ־ברענגען די אידן.

דעם משפּט האָט אָפיציעל פאַרפירט, ניט קאַסטנער אַליין, נאָר די ישראל־רעגירונג. בען העכט טייטשט אַריין אין דעם אַלערליי פאַר־באָרגענע און פאַרדעכטיגטע כוונות. אָבער די סיבה איז אַ פּשוט׳ע: אין ישראל איז דאָ אַ געזעץ אַז די רעגירונג איז מחויב צו געבן לע־גאַלן שוץ יעדן אָנגעשטעלטן אירן. און קאַסטנער איז געווען אַ באַ־אַמטער אין דער רעגירונג.

דער ריכטער איז געווען בנימין הלוי, שפּעטער איינער פון די דריי ריכטער וואָס האָבן געמשפּט אייכמאַנען. די קלאַגע האָט געפירט חיים כהן, דעמאָלט שר המשפטים פון ישראל, און זיינער אַן אַסיס־טענט אַמנון תל. גרינוואַלד׳ס פּאַרטיידיגער איז געווען שמואל תמיר, אַ יונגער אַדוואָקאַט, אַ רעוויזיאָניסט אין איבערצייגונג, דערמאָנט אונז העכט, אַ פּאַרטיגער געגנער פון דער רעגירונג.

קיין זאַך, זאָגט מען, קען ניט אַזוי אָנצינדן ווי אַ לעבעדיגע געריכט־סצענע, און בען העכט נוצט אויס די געלעגנהייט מיט׳ן פולסטן כוח. ער דערציילט ניט פון דעם פּראָצעס היסטאָריש, מיט׳ן בליק אויף צוריק, נאָר לעבעדיג. ווי אַלץ וואָלט פּאַרגעקומען אויף אייערע אויגן. און ער קען גוט די מלאכה, נאָך פון די טעג ווען ער איז געווען אַ געריכט־רעפּאָרטער. נאָר ער מאַכט דאָס שוין אַביסל צו לעבעדיג. אַזוי לעבעדיג, אַז אַפילו אַ שונד־צייטונג אין שיקאַגאָ וואָלט עס אַזוי ניט געדרוקט.

וואָלט די ביליגסטע שונד־צייטונג אין שיקאַגאָ אָדער ניו יאָרק גע־לאָזט שרייבן מיט חוזק פון אַ פּראָקוראָר אין געריכט בשעת ער פירט זיין פּראָצעס, בפרט ווען דער פּראָקוראָר איז דער אַטורני דזשענעראַל, דער העכסטער יוסטיץ־פאַרשטייער פון דער מדינה? אָבער פּונקט דאָס טוט בען העכט אין „פּערפידי". די צוויי גרויסע געזעץ־פאַר־טרעטער פון דער מדינה ווערן אָפּגעשילדערט ווי צוויי קוני־לעמלס, זייער פּראָצעס־פירונג ווי אַן אמת׳ער בורלעסק. פון אַמנון תל מאַכט ער אַ „שפּענדל פון אַ מענטשל" („סליוועך אָוו עי מען") וואָס קומט אין גע־ריכט מיט געלע זאָקן. חיים כהן — דער נאָמען אַליין הפנים קלינגט שוין קאָמיש אין העכט׳ס אויערן. העכט ווידערהאָלט עס אַזוי פיל מאָל און שטענדיג מיט אַזאַ פאַראַכטונג, אַז עס הויבט אָן קלאַפּן ווי „אַבראַשאַ" ביי די רוסישע אַנטיסעמיטן און „איציק" ביי די דייטשישע. איך דוכט זיך, אַז אַ ליאַדע רגע וועט זיך ביי העכט׳ן אַרויסכאַפּן „מר. פּופּיק". אַזוי הייסט ביי אים דער צווייטער העלד אין „קיוטי, אַ הייסע נקבה".

אָה, ווען בען העכט וואָלט כאָטש איין מאָל אין לעבן געווען גע־שטאַנען שמונה עשרה און מתפלל געווען „השיבה שופטינו כבראשונה" — קער אום, אָה ג־ט, אונזערע ריכטער אַזוי ווי אַמאָל — און וואָלט געהאַט אַ אידיש האַרץ צו פאַרשטיין וואָס ער זאָגט — וואָלט ער זיך ניט אַזוי וואוילינגעריש באַנומען אין דעם געריכט אין ישראל.

אייכמאַנ׳ס פּאַרטיידיגער סערוואַטיוס איז באַהאַנדלט געוואָרן מיט מער כבוד ווי העכט באַהאַנדלט די פאַרטרעטער פון אידישן משפּט.

דערפאַר אָבער, שמואל תמיר — ער ווערט פאַרגעשטעלט ווי אַן אמת׳ער „מאַטינע ליבלינג״. „ער לאַכט מיט אַ אינגלישן געלעכטער — שילדערט אים העכט — האָט אַ הויכע זינגעוודיגע שטימע, שווימט, קלעטערט אויף בערג, און אַ טענצל קען ער כאַפּן ווי אַ קאָזאַק״ (ז. 42). און אַז ער רעדט, רעדט נאָר די געטליכע גערעכטיגקייט אַליין דורך זיין מויל. און בען העכט פוילט זיך ניט און ברענגט טאַקע לאַנגע שטיקער פון זיינע רעדעס. און זיי זיינען טאַקע באמת וואונדערבאַר. דאַגעגן חיים כהן און אַמנון תל — זיי קענען נעבעך קיין מויל ניט עפענען. און ס׳איז מסתמא ניט העכט׳ס שולד וואָס ער קען ציטירן פון זיי נאָר קורצע שורות, און די זיינען שטענדיג נאַריש און לעכערליך.

מיט איין וואָרט, אַ ריטער פון גערעכטיגקייט אויף איין זייט, און צוויי פינסטערע אינטריגאַנטן אויף דער אַנדערער זייט; פונקט ווי אין יעדן גוטן האָליוואודער פילם.

נאָך אַ דריטער אינטריגאַנט אין בען העכט׳ס סצענאַריאָ איז דר. קאַסטנער. אים האַלט העכט אָהן אויפהער אויף אַ פייערפאַן, און די פאַן אויף אַ פייער פון גיהנום. ער פאַרצייכנט געטריי, און קוויקט זיך, ווען ביי קאַסטנער׳ן איז דער פּנים בלאַס געוואָרן, ווען אַ טראָפּן שווייס איז אַרויס אויף זיין שטערן, ווען די צונג אין מויל איז אים טרוקן געוואָרן און ווען אַ וואָרט איז אים געבליבן שטעקן אין האַלז. ער לייענט אַפילו און פאַרצייכנט זיינע געדאַנקען.

כאָטש בען העכט איז געווען זעקס טויזנט מייל ווייט פון דעם געריכט.

נאָר דער אמת׳ער אָנגעקלאָגטער און גע׳משפּט׳ער אינטריגאַנט און פאַרברעכער איז פאַר העכט׳ן אַפילו ניט קאַסטנער, נאָר די „ציוניסטישע פירער״ און די „אידישע אַגענטור״, די היינטיגע צעזאַרס און „איוואַן גראָזניס״ פון ישראל, „שונאים פון אידן״ און אַפילו „אַנטי־סעמיטן״, ווי ער רופט זיי אָן (ז. 68, 150 און 93). יעדער שטאָך מיט זיין שפּיז אין קאַסטנער׳ן איז אין אמת׳ן געצילט אין זיי. קאַסטנער איז שוין סוף־כל־סוף טויט, און די שאַלטן נאָך. דער גאַנצער דראַנג פון דעם משפּט, פאַר העכט׳ן, איז צו באַווייזן, אַז קאַסטנער איז געווען אַ קאָלאַבאָראַטאָר מיט די נאַציס און האָט געהאָלפן אומברענגען די אידן. דערין איז ער נאָר געווען אַ שליח פון די ציוניסטישע פירער און דער אידישער אַגענטור. די אמת׳ע שולדיגע זיינען זיי און נאָר זיי.

און בען העכט האָט זיין קורצן טריאומף. דער ריכטער בנימין הלוי, געוויס נאָך ערליכן טראַכטן און פאָרשן, גיט אַרויס זיין פּסק דין אויף קאַסטנער׳ן: שולדיג. און ער וואַרפט אים נאָך אין פּנים אַריין דאָס פירכטליכע וואָרט: „דו האָסט פאַרקויפט דיין נשמה צום טייוול״.

און בען העכט טוט זיך טיף פאַרנויגן פאַר'ן ריכטער. מיט געהעריגן ליעב, מיט פאַרדינטן דרך ארץ.

אַ ריכטער איז אויפגעשטאַנען אין ישראל!

אָבער, ווי געזאָגט, ס'איז געווען נאָר אַ קורצער טריאומף. דער פראָצעס איז אַוועק צו אַ העכערן געריכט, צום העכסטן געריכט אין ישראל. צו דעם סופרים קאָורט. און דער סופרים קאָורט האָט אומגע־וואָרפן ריכטער הלוי'ס פסק, דריי געגן צוויי. בלויז אויף איין פונקט האָבן זיי אַלע געשטיצט הלוי'ן: אויף דעם, אַז קאַסטנער האָט געזינ־דיגט מיט פאַרהעלפן נאָך דער מלחמה צו דער ריינוואַשונג פון דעם נאַצי־מערדער ברעכער. אָבער דער עיקר: קיין קאָלאַבאָראַטאָר מיט די נאַציס איז קאַסטנער ניט געווען, און קיין שולד פאַר דער פאַר־ניכטונג פון אידן טראָגט ער אויף זיך ניט.

שרייבט ריכטער שלמה חשין צווישן אַנדערס: „איך קריג ניט אויף די פונדאַמענטאַלע פאַקטישע פעסטשטעלונגען פון דעם געלערנטן ריכטער (הלוי), אָבער עס שיינט מיר מיט'ן גאַנצן דרך ארץ, אַז זיינע פעסטשטעלונגען פירן ניט בויטיגערוייז צו דער מסקנא צו וועלכער ער איז געקומען, נעמליך, קאָלאַבאָראַציע מצד קאַסטנער'ן אין דער אויסראָטונג פון די אידן...“

און אָט איז אַ קליינער אויסצוג פון ריכטער שמעון אַגראַנאַט:

„און דעריבער קען מען ניט געפינען קיין מאָראַלישע פעלערן אין יענער אויפירונג (אין קלואי)... און מען קען עס ניט באַטראַכטן אַז דאָס דערגייט צו דער מדרגה פון קאָלאַבאָראַציע מיט די נאַציס...“

דאָס העכסטע געריכט וואַרפט אויך אָפּ, בפירוש, דעם פאַרוואורף „דו האָסט פאַרקויפט דיין נשמה צום טייוול“.

נון, פון אַ ריכטער פאָדערט זיך ערליכקייט, נאָר אַ שרייבער מעג אויך זיין ערליך. אָבער בען העכט, וועלכער האָט מיט אַזאַ בריה'־שקייט פאַרהילכט אַ גאַנץ בוך מיט קאַסטנער'ס שולד, האָט מיט נאָך גרעסערער שעלמישקייט פאַרשוויגן זיין ריינוואַשונג. אויף 202 זייטן שלעפט ער אויס דעם אומגליקליכן קאַסטנער'ן דורך בלוט און בלאָטע, חרפּות און בזיונות, אָבער זיין ריינוואַשונג, אַרויסגעבראַכט דורכ'ן העכסטן געריכט פון ישראל, גנב'עט ער אַדורך פלינק, גלאַט, קעציש, געגנוי אין דריי געציילטע ווערטער. און אָט זיינען די דריי ווערטער, אין אָריגינאַל און אין אידיש:

„טהרי דיד נאָט“, דריי האָבן ניט...

וואָס „האָבן דריי ניט“? דריי ריכטער (פון פינף), מיינט עס, האָבן ניט

מסכים געווען מיט ריכטער הלוי, אַז קאַסטנער איז שולדיג אין קאָלאַ־באָראַציע.

צוויי יע, דריי ניט.

לויט אַלע כללים האָט בען העכט געדאַרפט שרייבן פאַרקערט: דריי ריכטער האָבן אומגעוואָרפן הלוי׳ס פסק, צוויי האָבן ניט. דאָס האָט זיך געפאָדערט לויט דעם כאַראַקטער פון דער נייס, לויט דעם עפענט־ליכן אינטערעס אין דער גאַנצער וועלט, און פשוט לויט די כללים פון קאָמפּאָזיציע. אָבער בען העכט, מיט איין דריי מיט דער פעדער, האָט געגן אַלע כללים פאַרבראָכן.

דער דורכשניטליכער לעזער וועט זיך קוים כאַפּן וואָס דאָס מיינט. בלויז אויף די לעצטע זייטן פון דעם בוך, אין קליינינקע אותיות, צווישן הערות, וואוהין זעלטן ווען אַ לעזער קוקט אַריין, ברענגט העכט אויס־צוגן פון די פסקי דין פון די דריי ריכטער.

לעגאַל און עטיש איז קאַסטנער אַרויס ריינגעוואַשן. ווען בען העכט האָט זיך געזעצט שרייבן זיין בוך, האָט ער דאָך שוין געוואוסט פאַראויס, אַז קאַסטנער איז אומשולדיג אין די אויגן פון דער יוסטיץ פון מדינת ישראל. פונוואַנען האָט ער געצויגן זיין מאָראַלישע באַרעכטיגונג אים אָנצוקלאָגן, משפט׳ן, און פאַר׳משפט׳ן, נאָכאַמאָל? אַרויסצושלעפּן אַ שוכן עפר פון קבר און אים נאָכאַמאָל פייניגן מיט טויזנט מאָראַלישע מיתות משונות?

דאָס איז ניט דערלאָזבאַר לויט׳ן פעלקערליכן דין, און נאָך מער לויט׳ן אידישן דין. לויט׳ן פעלקערליכן דין טאָר מען אַ מענטשן יורידיש ניט אונטערשטעלן אונטער „דאָבל דזשעאָפּאַרדי", צוויפאַכער סכנה. און לויט׳ן אידישן דין מעג סנהדרין איבער׳משפט׳ן אַ מענטשן פון שולדיג אויף אומשולדיג, אָבער ניט פון אומשולדיג אויף שולדיג.

מעג זיך, ווער עס וויל, האַלטן אַז קאַסטנער האָט איבער׳ן קאָפּ גע־שטעקט אין שולד, אָבער ער קען דאָס ניט טאָן אויפ׳ן סמך פון דעם משפט אין געריכט פון ישראל. בען העכט זינדיגט געגן דעם ניינטן געבאָט ווען ער קומט פאַרבלענדן דווקא מיט׳ן משפט און פסק פון ישראל געריכט.

אָבער בען העכט שמוצט אָן נאָך ערגערס ווי דאָס. מען האָט שפּעט־ער אויף קאַסטנער׳ן געמאַכט אַן אַטענטאַט און אים געשאָסן, און בען העכט, אומפאַרשעמט, גיט אָנצוהערעניש אַז דאָס איז געווען אַן „אַרבעט" פון דער רעגירונג. אין שפּיטאָל האָט זיך קאַסטנער לכתחילה געבעסערט, נאָר ער איז פּלוצלונג ערגער געוואָרן און איז געשטאָרבן, און העכט גיט אָנצוהערן אַז דאָס איז אויך געווען אַן „אַרבעט". דריי מענטשן

זיינען שפעטער גע׳משפט און פאַר׳משפט געוואָרן פאַר דעם קאַסטנער־מאָרד, און דאָ גיט ער אויך אָנצוהערעניש אַז דאָס איז געווען אַ גע־מאַכטע זאַך. און אַזוי וואַרפט העכט פלעקן אויף דער רעגירונג פון ישראל, אויף דער מעדיצינישער פּראַפעסיע פון ישראל און אויף דער יוסטיץ פון ישראל.

אַלץ וואָס ער רירט אָן מיט אַ האַנט ווערט קרעציג.

לאָזן מיר דאָס אַלץ אין אַ זייט און גייען צוריק גאַנץ צום אָנהויב, צו דער האַלוצינאַציע, אַז די ציוניסטישע פירער האָבן מיטגעאַרבעט מיט די נאַציס צו שיקן אידן אין די קאַלכאַויוונס — דער סאַמע עיקר וואָס האָט געדאַרפט באַווייזן ווערן דורכ׳ן קאַסטנער־משפט. וואָס ווערט פון דערדאָזיגער האַלוצינאַציע?

אַז ס׳איז דאָ אַ פלעקל אין וואַנט, און אויפ׳ן פלעקל הענגט אַ פּוטער, קען אַ לונאַטיקער זיך אָפּדוכטן, אַז אַ בער קריכט אויף דער וואַנט. אָבער אַז ס׳איז ניטאָ ניט קיין פּוטער און ניט קיין פלעקל? און קיין וואַנט איז אויך ניטאָ?...

דער קאַסטנער־משפט האָט געהאַט אַ גרויסע היסטאָרישע און נאַ־ציאָנאַלע באַדייטונג. ער האָט קודם כל פאַנאַנדערגעוויקלט די טרויער־מגילה פון דעם אונטערגאַנג פון דעם אונגאַרישן אידנטום. ער האָט אויך צום ערשטן מאָל געגעבן אַ ברייט און געניי בילד פון אידישן פּיין אונטער די נאַציס, פעסטגעשטעלט לויט געריכטליכער פּראָצעדור. און דריטנס, ער האָט געגעבן אידן אַ שווערן געוויסן. ס׳איז גוט, אַז אידן זאָלן אַרומגיין מיט אַ שווערן געוויסן אין דעם ענין פון הצלה. קיינער טאָר ניט זיין קיין גאַנצער צדיק ביי זיך אין די אויגן. ניט דער אידישער כלל און ניט קיין איינציגער יחיד. קיינער קען אָדער מעג זיך אַרויפלייגן די האַנט אויפ׳ן האַרצן און זאָגן: מיין געוויסן איז ריין, איך האָב געטאָן מיין חוב אין פולער מאָס. אָבער פּונקט אַזוי איז עס אַ זינד, פאַר איינעם אָדער אַפילו אַ ציבור, צו קומען און סתם אין דער וועלט אַריין, אָהן אַ דין און משפט, אָהן אַ געריכט, אָהן אַ סנהדרין, אָנשטעלן דעם פינגער אויף אימיצן און טייטלען: דו, דו, דו, דו ביסט שולדיג.

אַזאַ איינער איז אַליין שולדיג אין אידישער שפיכת דמים.

טראַגעדיע און דעטעקטיוו-מעשות

אַ מעשה׳לע דערציילט: צען בלינדע בעטלער שטייען און בעטלען. גייט פאַרביי אַ לץ און מאַכט זיך אַ שפּאַס. ער וואַרפט אַריין אַ וואָרט, גלייך ער רעדט צו איינעם פון זיי: נאַ דיר אַ רענדל און צעטייל זיך מיט די אַנדערע! און באַלד ווערט אַ מהומה צווישן די בלינדע: אַ רענדל, אַ רענדל! וואו איז דאָס רענדל? אַהער מיט׳ן רענדל! און מען פאַלט איינער אויפ׳ן אַנדערן מיט די פויסטן, און מ׳רייסט זיך מיט ציין און נעגל... ביז היינטיגן טאָג.

די צען בלינדע בעטלער, דאָס זיינען מיר אידן היינט. דער לץ איז אַדאָלף אייכמאַן. דאָס רענדל — דאָס זיינען דער מיליאָן אונגאַרישע אידן וואָס דער שד האָט אָנגעבאָטן צו פאַרקויפן פאַר צען טויזנט טראַקס, און וואָס די ציוניסטישע פירער האָבן כלומרשט ניט געוואָלט, און ניט געלאָזט, קויפן. יואל בראַנד איז געווען דער שליח.

ווי איז אונז אידן, אַז מיר זיינען געוואָרן ווי בלינדע בעטלער, וואָס האָבן אויפגעכאַפּט אַ שטיק דייטשישן גאַלגאַן־הומאָר פאַר אַ טייערן רענדל פון אַ מיליאָן אידן, און מיר רייסן זיך אַרום און ליגן איינער ביים אַנדערן אין די האָר. וואָרים מער ווי אַ שטיק חוזק איז דער פאָרשלאָג ניט געווען און האָט ניט געקענט זיין.

און בען העכט נעמט גערן איבער דאָס שטיק תליה־חוזק פון די נאַצישע הענט און צעלייגט עס אויף טעלערלעך, נאָך מיט אַ צוגאָב פון אַן אייגן שטיק גאַלגאַן־הומאָר, נעמליך, אַז דערפאַר האָבן די ציוניסטישע פירער איבערגעלאָזט יענע אידן צו זייער טויט, „כדי בעסער און שנעלער צו קענען אַנטוויקלען זייער ציוניסטישע ריעל עסטעיט״.

בען העכט האָט געשריבן זיין „פערפידי״ שוין נאָך דעם אייכמאַן־משפּט. און עס האָט אים ניט אויסגעמאַכט וואָס דאָרט איז שוין אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער גאַנצער אייכמאַנ׳ישער ליגן פון דער זאַך. אייכמאַנ׳ס אָפּמאַך מיט יואל בראַנד׳ן למשל, איז געווען, אַז פאַר דער צייט וואָס ער וועט זיין אַוועקגערייזט צו ברענגען די שליחות צו די ציוניסטישע פירער, וועלן אָפּגעשטעלט ווערן די דעפּאָרטאַציעס קיין אוישוויץ. אָבער יואל בראַנד׳ס פרוי האָט עדות געזאָגט אין דעם אייכמאַן־משפּט, אַז ניט אויף קיין איינציגן טאָג איז די דעפּאָרטאַציע

אָפּגעשטעלט געוואָרן. אויפ׳ן אייכמאַן־משפּט זיינען אַריינגעבראַכט געוואָרן דאָקומענטן פון דעם ווייצמאַן־אַרכיוו, ספּעציעל איין בריוו פון דעם ענגלישן פאָרעין אָפיס, פון וועלכן ס׳איז אַרויס קלאָר, אַז ווייצמאַן און שרת האָבן געפאָדערט פון דער ענגלישער רעגירונג זי זאָל אויפנעמען בראַנד׳ן מיט׳ן נויטגן ערנסט וואָס די לאַגע האָט געפאָדערט, און ענגלאַנד האָט זיך אָפּגעזאָגט — די אַלע עדות און דאָקומענטן ווערן אינגאַנצן איגנאָרירט.

בען העכט וויל אַריינגיין אין דעם סוד: פאַרוואָס האָבן די דייטשן געמאַכט אַזאַ פאָרשלאָג? און ער גיט אַ סברא, אַ סברא וואָס לייגט זיך דווקא אויפ׳ן שכל, נעמליך, אַז דער פאָרשלאָג מיט דעם מיליאָן אידן פאַר צען טויזנט טראַקס איז אין אמת׳ן געווען אַ פאָרשלאָג צו די אַליאירטע פאַר אַ סעפּאַראַטן שלום. והא ראיה: זיי האָבן צוגעזאָגט צו געברויכן די טראַקס נאָר געגן די רוסן. „היטלער און זיינע היסטאָריקער — שרייבט העכט — זיינען אַוועק פון דער וועלט און האָבן ניט פאַרשטאַנען די „אומלאָגישקייט״ פון די מערב־מלוכות, וועלכע האָבן פאַרגעצויגן די רויטע רוסלאַנד בעסער ווי דעם נאַצי־רייך פאַר אַ פריינט״ (ז. 230).

און ס׳איז קלאָר, אַז בען העכט פאַרשטייט נאָך היינט אויך ניט אַזאַ „אומלאָגישקייט״.

אין פשוט׳ערע ווערטער, לויט בען העכט׳ן האָט היטלער דאָ געצילט צו אַ סעפּאַראַטן שלום מיט די אַליאירטע, און דער מיליאָן אידן איז געווען די לאָקשפּייז פאַר די פיש.

אייגנטליך האָט בען העכט דאָ קיין נייס ניט אַנטדעקט. יואל בראַנד אַליין האָט געגעבן דידאַזיגע אויפפאַסונג. ער האָט זי געגעבן טאַקע אויפ׳ן קאַסטנער־פּראָצעס. „לויט מיין מיינונג — האָט ער דאָרט געזאָגט אויפ׳ן עדות־שטול — האָבן די דייטשן געצילט מיט זייער פאָרשלאָג צו באַפרייען אַ מיליאָן אידן פאַר׳ן פּרייז פון סחורות, כדי אַרויסצורופן אַ שפּאַלטונג צווישן די מערב׳דיגע גרויסמאַכן און סאָוועטרוסלאַנד״ („דברי ימי ועד הצלה״, ז. 5־54).

אויף אים קריגט דער קדוש הרב ווייסמאַנדל. הרב ווייסמאַנדל האָט געהאַלטן, אַז אייכמאַן און ווּסליצעני זיינען אויסנגעווען דער עיקר דעם כאַבאַר, דאָס געלט, און דאָס „פאַרזאָרגן די דייטשישע אַרמיי״ איז ביי זיי געווען נאָר אַ טפל, אַ מאַסקע. און די פּאָליטישע אויפפאַסונג פון יואל בראַנד׳ן, האָט הרב ווייסמאַנדל געהאַלטן, איז געווען „אַ פאַטאַל־טראַגישער טעות, און דערמיט האָט ער אַליין פּאַקטיש אונטערגעמינעוועט זיין שליחות״ („דברי ימי ועד הצלה״, ז. 55).

אַמעריקע און ענגלאַנד האָבן יעדע שעה אין טאָג געציטערט אַז סטאַלין זאָל ניט פּלוצלינג צוריק חבר ווערן מיט היטלער׳ן, און דער־פאַר האָבן זיי אים געגלעט מיט די האָר אַראָפּ און אַלץ נאָכגעגעבן — און סוף כל סוף טאַקע פאַרשפּילט די מלחמה צו אים! — דורך וועלכן וואונדער האָט עס געקענט געשען, אַז זיי זאָלן אָננעמען די פּראָפּאָזיציע פון יואל בראַנד׳ס שליחות, און אויפרייסן דעם גאַנצן גאַנג פון דער מלחמה, אַריינוואַרפן סטאַלינ׳ען ווידער אין היטלער׳ס אָרעמס, און צוליב וואָס? צוליב אַ „נישטיגן" מיליאָן אידן...

און ביידע, ענגלאַנד און אַמעריקע, האָבן ניט געוואָלט הערן און זען.

נאָר לאָמיר דערפירן בען העכט׳ס געדאַנק צו זיין לאָגישן אויספיר. אָנגענומען אויף אַ רגע, אַז אַמעריקע און ענגלאַנד נעמען אָן דעם פאָרשלאָג און גיבן היטלער׳ן צען טויזנט טראָקס פאַר אַ מיליאָן אידן, און די צען טויזנט טראָקס באַוויזן זיך אויפ׳ן רוסישן פראָנט: ווי וואָלט עס דעמאָלט אויסגעזען מיט די דריי מיליאָן אידן אין רוסלאַנד? וואָלטן די רוסן ניט נקמה גענומען אין זייערע אידן? די רוסן האָבן שוין אַמאָל געוויזן אַז זיי קענען אויך אויפשניידן אידישע בייכער און שלאָגן מיט אידישע קינדערלעך קאָפּ אין וואַנט...

זאָג איך ניט, חלילה, אַז צוליב אַ מעגליכער סכנה פאַר אַנדערע אידן האָט מען געמעגט אַריבערגיין די זיכערע סכנה פאַר די אונגאַ־רישע אידן.

אָבער ווי געשריען, האָבן די דייטשן ביי אונז צוגענומען זעקס מיליאָן, און דעם שכל אויך? די מעשה איז פון אָנהויב אָן געווען אַ שטיק דייטשישער חוזק מיט אַ בלינדן רענדל. וואו האָבן אידן דען געקענט קריגן צען טויזנט טראָקס ווען אַ קלענסטער שרייפל איז געווען אונטער רעגירונגס־קאָנטראָל, און ווי אַזוי האָבן אידן געקענט צו־שטעלן די טראָקס צו די דייטשן, ווען יעדער קוביק פוס טראַנספּאָרט איז געווען אונטער טויזנט אויגן פון דער רעגירונג? צי האָט דען אַזאַ זאַך געקענט געמאָלט זיין אַנדערש ווי מיט׳ן גוטן ווילן פון דער רעגירונג פון ענגלאַנד און פון אַמעריקע? און ביידע רעגירונגען האָבן ניט געוואָלט. און זיי האָבן עס אָפּיציעל אָפּגעוואָרפן.

פאַר קיינעם אין מדינת ישראל האָט בען העכט ניט קיין דרך ארץ, אויסער פאַר צוויי: אַדוואָקאַט תמיר און ריכטער בנימין הלוי. טאָ לאָמיר הערן וואָס ריכטער הלוי האָט געהאַט צו זאָגן וועגן יואל בראַנד׳ס מיסיע, אין זיין פסק דין אין דעם קאַסטנער־משפט. ריכטער הלוי שרייבט:

„...דאָס איז געווען איינע פון די מאַקיאַוועלישע שיטות פון די נאַציס צו מאַכן אָפּהענגיג די אידן־רעטונג פון אוממעגליכע באַדינ־גונגען, כדי צו ברענגען אידן צו פאַרלוירנקייט, צו שאַפן קאָנפליקטן צווישן אידן און די אַליאירטע, און צום סוף צו קענען וואַרפן די שולד פאַר דער פאַרניכטונג אויף אַנדערע... פאַר די אונגאַרישע אידן, וואָס זיינען סיסטעמאַטיש אויסגעראָטן געוואָרן, האָט ניט געקענט אַרויסקומען קיין שום נוצן פון דערדאָזיגער נאַצישער פּראָפּאָזיציע. דער אַנטשיידנדיגער פאַקט איז דאָך געווען, אַז די פאַרניכטונג איז דערווייל געוואָרן פאָרגעזעצט אין שרעקליכסטן פאַרנעם, טראָץ בראַנד׳ס שליחות... בראַנד׳ס מיסיע איז געוואָרן אויסגענוצט דורך אייכמאַנ׳ען, כדי אַרויסצורופן פאַלשע האָפענונגען ביי די אידישע פירער אין אונ־גאַרן און אָפּצושוואַכן זייער ווידערשטאַנד צו דער פאַרניכטונג, וואָס איז געגאַנגען מיט׳ן פולן טעמפּאָ״ („דברי ימי ועד הצלה״, ז. 117).

בען העכט „פאַרגעסט״ אינגאַנצן דעמדאָזיגן פּסק פון זיין גערימטן און געאַכפּערטן ריכטער און שרייבט וועגן דעם בראַנד־ענין אין זיין געוויינליכן נוסח. וואָרים געדענקען זאָל מען, אַז בען העכט שרייבט ניט ווי אַ היסטאָריקער: אַזאַ גייסט איז אים אינגאַנצן פרעמד, און אַפילו דערווידער זיין טעמפּעראַמענט. ער שרייבט אין גייסט פון האָליוואָוד־סצענאַריאָס, וואָס דאָס איז זיין פאַך. אין אַ האָליוואָוד־סצענאַריאָ מוז ניט דער אינהאַלט זיך באַרירן מיט דער ווירקליכקייט. ער מעג שוועבן אינגאַנצן אין דער פאַנטאַזיע. אין אַזאַ גייסט איז גע־שריבן דאָס גאַנצע בוך „פּערפידי״, און דער יואל־בראַנד עפּיזאָד איז געשריבן דורכאויס ווי אַ דעטעקטיוו סטאָרי, אַ „הו דאַ׳נאיט ?״ מיט שפּיאָנען, מיט מסירות, מיט פאַרראַטן, מיט׳ן גאַנצן קלאַפּער־געצייג.

דער קאַסטנער־משפּט און דער יואל בראַנד־עפּיזאָד זיינען פאַר בען העכט׳ן די ברייטע קאַנווע, אויף וועלכער ער האָט אויסגעוועבט זיין שרעק־געשיכטע פון דעם ציוניסטישן „פאַרראַט״ אין האָבן פאַרשוויגן די אויסראָטונג פון די זעקס מיליאָן אידן דורך די נאַציס. מיט זייער טויטשווייגן איז גלייך ווי זיי האָבן די זעקס מיליאָן מיט די אייגענע הענט טויטגעשלאָגן — דאָס איז די באַטשאַפּט פון זיין בוך.

אַצינד, חשוב׳ע לעזער, שעפּט אָן אייערע לונגען מיט גרויסן אָטעם פאַר אַ גרויסער איבערראַשונג. פאַר דעם דונער־קלאַפּ וואָס צעשמע־טערט בען העכט׳ס בנין אין שטויב. מיר ציען אַרויף דעם פאָרהאַנג אויף דער ווירקליכקייט. די ווירקליכקייט איז געווען אינגאַנצן אַנדערש, און אָט ווי אַזוי די היסטאָרישע פאַקטן האָבן זיך פאַרלאָפן באמת:

דעם 23טן נאָוועמבער, 1942, האָט דער „ועד לאומי", די אָפיציעלע פאַרטרעטערשאַפט פון די אידן אין ארץ ישראל אונטערן מאַנדאַט, פאַרעפנטליכט די ערשטע פעסטגעשטעלטע באַריכטן פון פוילן וועגן דער אויסמאָרדונג פון אידן. משה שרת האָט אויף יענער זיצונג פון דעם „ועד לאומי" פאַרטראָטן די אידישע אַגענטור.

באַלד דערויף זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פאָלקס־פאַרזאַמלונגען אי־בערן גאַנצן לאַנד און גאַסן־דעמאָנסטראַציעס אין תל־אָביב. דער גאַנצער ישוב איז אויפגעברויזט געוואָרן. און אָנהויבנדיג מיט יענער אַסיפה פון דעם „ועד לאומי" איז דער גרויסער ענין פונדאַנען אַרויס צו דער גאַנצער וועלט, אין ערשטער רייע קיין אַמעריקע און ענגלאַנד.

דעם 30טן נאָוועמבער האָט די אַסיפת הנבחרים פּראָקלאַמירט דריי טעג טרויער אין גאַנצן לאַנד. דעם דריטן טאָג, וואָס איז אויסגעפאַלן דעם 2טן דעצעמבער, איז פון מיטאָג אָן אָפּגעשטעלט געוואָרן די אַרבעט אין גאַנצן לאַנד און עס זיינען געשלאָסן געוואָרן אַלע געשעפטן און קראָמען ביז מיטנאַכט, מיט מיטינגען און גאַס־דעמאָנסטראַציעס. אין תל־אָביב האָבן מאַרשירט הונדערט טויזנט אידן.

דעם 5טן יאַנואַר, 1943, זיינען אין ירושלים געשלאָסן געוואָרן אַלע געשעפטן און דאָס פאָלק האָט זיך פאַרזאַמלט אין די שולן.

דעם 12טן יאַנואַר, 1943, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ לאַנד־אַסיפה פון פאָרשטייער פון אַלע פאַרטייען, אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס, פאַרטרעטער פון די פּראָפעסיעס און אַזוי ווייטער, אויסצודריקן דעם ווייגעשריי פון דעם ישוב אויף די נאַצישע שחיטות, און אַ פּראָטעסט געגן די אַליאירטע מלוכות וואָס זיינען געבליבן גלייכגילטיג צו דער מורא'דיגער טראַגעדיע.

דעם 2טן מערץ, 1943, איז די ערשטע גרויסע טרויער־פאַרזאַמלונג אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין מעדיסאָן סקווער גאַרדען, וואו עס האָבן גערעדט חיים ווייצמאַן און דר. סטיפען ווייז.

דער צעטל וואָלט געקענט געצויגן ווערן ווייטער.

וואָס שייך ווייצמאַנ'ס „שולד" אין דעם אומקום פון דעם מיליאָן אונגאַרישע אידן און זיין ראָלע אין דער יואל בראַנד־אַפערע קענען מיר ברענגען אַן אַטעסטאַט פון בראַנד'ן אַליין. אין אַ בריוו, דאַטירט דעם 7טן דעצעמבער, 1944, שרייבט יואל בראַנד צו ווייצמאַנ'ען:

„דערלויבט מיר אייך אויסצודריקן דעם דאַנק פונ'ם אונגאַרישן

אידנטום פאַר אייער הילף און גרויסע אָנשטרענגונגען, כדי צו ראַטעווען, וואָס מ׳קען ראַטעווען. מיר ווייסן זעהר גוט, אַז איר טוט אַלץ וואָס עס איז אין אייער מאַכט און מיר בעטן אייך דאָס ווייטער צו טאָן. דאָס אונגאַרישע אידנטום דאַרף אייער הילף, ווייל ארץ ישראל און די ציוניסטישע באַוועגונג איז זייער איינציגע האָפענונג״.

דאָס אַלץ האָט בען העכט פאַרשוויגן, פאַרשטעלט, אָפּגעווישט. גלייך ווי ניט געווען.

ווי אַזוי קען אַזעלכס רעכט ווערן? ווי אַזוי קען אַזעלכס גערעכט ווערן? ווי אַזוי קען אַזעלכס באַרעכטיגט ווערן? צי קען נאָך, נאָך אַזעלכס, איינער מאָנען צוטרוי אָדער דערוואַרטן דרך ארץ?

נאָר גרויזאַם ווי דאָס אַלץ איז ניט, האָט איר דאָס גרויזאַמסטע אין „פּערפידיי״ נאָך ניט געהערט.

שטעלט אָן מויל און אויערן:

עס גייט אין די זעקס מיליאָן טויטע. ווען די זעקס מיליאָן האָבן געלעבט, האָט בן־גוריונ׳ען ניט געאַרט פאַר זיי. ער האָט זיי מקריב געווען צוליב אַביסל ריעל עסטעיט. דאָס האָט שוין בען העכט, כידוע, „באַוויזן״. אָבער ער האָט נאָך עפּעס גאָר וויכטיגס צו באַווייזן, נאָך אַן אַנדער שרעקליכן סוד אויפצודעקן: ניט נאָר האָט בן־גוריון פאַרראַטן די זעקס מיליאָן ביים לעבן, נאָר ער רודפ׳ט זיי איצט אויך אין זייער טויט. בן־גוריון, נעמליך, קריכט פון דער הויט צו מאַכן פאַרגעסן זייער געדעכעניש, זאָגט בען העכט. צו מאַכן פאַרגעסן זייער געדעכעניש און אָפּצומעקן אין די הערצער דעם גערעכטן צאָרן איבער זייער אומשולדיגן טויט...

„אַזוי ווי בן־גוריון איז געוואָרן אַ וועלט־פיגור — שרייבט בען העכט — האָט ער שוין מסתמא איבערגענומען דאָס געפיל וואָס די פרייע וועלט האָט וועגן די אומגעבראַכטע אידן. זעקס מיליאָן טויטע אידן זיינען ניט אַזאַ וויכטיגער פּאָליטישער פאַקטאָר ווי זעכציג מיליאָן לעבעדיגע דייטשן, וואָס אַ העלפט פון זיי זיינען אויסגעצייכנטע סאָלדאַטן און קענען אונז העלפן אויפרייסן רוסלאַנד, אויב מ׳וועט דאַרפן...״

אָט וואוהין בען העכט׳ס פּאָליטישע חכמה דערגרייכט: מיט אַ פּראָוואָקאַציע אויף ישראל אַזש קיין מאָסקווע!

דאָ איז בען העכט דער „פּאָליטיקער״.

און אַצינד הערט אויס בען העכט׳ן ווי אַ „פּסיכאָלאָג״. „און ווי אַ פירער אין דער פרייער וועלט — שרייבט ער — פילט מסתמא בן־

גוריון אַז ס׳איז אַ סכנה צו טראָגן אַ פאַרדראָס איבער די נאַצי־אידישע ביזנעס. ס׳וואָלט געווען פסיכאָלאָגיש שלעכט פאַר דער פרייער וועלט אָנצוהאַלטן אַ גערעכטן צאָרן וועגן דער צאָל פון זעקס מיליאָן אומשולדיגע... ווען באַלד, קען זיין, וועט מען דאַרפן וואַרפן די אַטאָמישע באָמבעס און אומברענגען הונדערטער מיליאָנען אומשולדיגע...״

דעריבער דאַרף מען אויסמעקן דאָס רחמנות פון מענשליכע הערצער...

און דאָס זאָל זיין דער אידעאַל פון בן־גוריונ׳ס מדינת ישראל...

מיר וואָלטן דאָ געקענט פרעגן אַ האַרבע קשיה: אויב בן־גוריון וויל אָפּמעקן דאָס געדעכעניש פון די זעקס מיליאָן און פאַרווישן דאָס אומרעכט פון זייער אומקום, טאָ פאַרוואָס האָט ער מיט אַזוי פיל מי צו שטאַנד געבראַכט דעם איכמאַן־משפט, וואָס האָט, פאַרקערט, אויפגעריכט זייער אָנדענק און האָט אויפגעוועקט דאָס וועלט־געוויסן מער ווי יעדער אַנדער אַקט זינט דעם חורבן?

אַ גוטע קשיה, נאָר מיר באַוועגן זיך דאָ ווידער אין אַ וועלט פון האַלוצינאַציעס, וואו פאַקטן האָבן שוין קיין שום ממשות ניט.

בען העכט, וועלכער האָט פאַרגליכן חיים וויצמאַנ׳ס רייד צו יאָזעף געבעלס׳עס, וועט קוים קענען האָבן אַ טענה ווען מ׳וועט פאַרגלייכן זיינע אייגענע רייד צו יוליוס שטרייכער׳ס. „דער שטירמער״ פון מאַי 1934 איז אַרויס מיט אַ באַנער־קאָפּ:

„אידישער מאָרד־פּלאַן געגן דער ניט־אידישער מענשהייט אויפגעדעקט״.

בען העכט האָט אויך אויפגעדעקט אַזאַ אידישן מאָרד־פּלאַן...

אָט די חכמות וואָס איך האָב דאָ געבראַכט, פּאָליטישע און פסיכאָלאָגישע, געפינען זיך אין „פּערפידי״ אויף בלאַט 47 — אַ שענדליכע בלאַט אין דער אידישער געשיכטע!

האָט איר אַמאָל געלייענט די „פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון״? איך האָב. און איך זאָג עדות, אַז מ׳קען אַרויסנעמען בלאַט 47 פון די „פּראָטאָקאָלן״, און אַריינקלעפּן בען העכט׳ס בלאַט 47 אויף איר אָרט, און מ׳וועט ניט וויסן קיין חילוק.

און האָט איר אַמאָל געלייענט די מסירות, פאַר וועלכע מ׳האָט געברענט דעם תלמוד? איך האָב. און איך זאָג עדות, אַז אַזוי ווי יענע מוסרים פון אַמאָל האָבן געטראָגן פייער צו ברענען דעם תלמוד, אַזוי האָט בען העכט היינט אונטערגעטראָגן פייער, אונטערצוצינדן, חלילה, דאָס אידישע הויז פון ישראל!...

פייער פון אוישוויץ

אין די ענגלישע קינדער־גאַרטנס, אין אַ בוך וואָס הייסט „מאַדהער גוז״, די מאַמע גאַנז, איז דאָ אַ לידעלע וואָס פרעגט: „הו קילד קאָק ראָבין?״ ווער האָט גע׳הרג׳עט דעם סאָלאָוויי? און דער ענטפער קומט: דער שפּערלינג, אַ פויגעלע...

פאַר אונזערע אידישע קינדער, און פאַר גרויסע מיט קינדערישע מוח׳לעך, איז ענדליך אויך אַרויס אַ בוך מיט געגזענע פאַנטאַזיעס. דאָס בוך האָט געדאַרפט הייסן „דער פאַטער גאַנער״, נאָר עס הייסט „פּערפידי״. און דאָרט ווערט אויך געפרעגט די אומעטיגע פראַגע: ווער האָט גע׳הרג׳עט? ווער האָט גע׳הרג׳עט זעקס מיליאָן אידן? און דער גאַנער ענטפערט: אידן האָבן זיי גע׳הרג׳עט, די ציוניסטן...

זאָל מיר ניט פאַררעכנט ווערן פאַר קיין חטא וואָס איך גיי צו מיט אַזאַ לייכטהאַרציגקייט צו אַזאַ אימה׳יגן ענין. נאָר בען העכט האָט פון דערדאָזיגער גרויליגער זאַך געמאַכט אַזאַ לייכטזיניגן פאַרס, אַז דער בעסטער ענטפער צו אים קען נאָר זיין אין אַ ווידער־קול פון זיין אייגענעם קול.

דאָס מעכטיגע אַמעריקאַנער אידנטום אַליין — שרייבט ער (ז. 193) — וואָלט געקענט געוועזן ראַטעווען די זעקס מיליאָן, ווען עס וואָלט נאָר ריכטיג געוואָלט. אַ וועלט מיט דעמאַגאָגיע ליגט אין דעמדאָזיגן זאַג. וואָרים ער ווייס גאַנץ גענוי ווי טיף ס׳האָט געבלוטיגט דאָס האַרץ פון אַמעריקאַנער אידן, וויפיל טירן זיי האָבן אָפּגעשלאָגן, וויפיל טרערן זיי האָבן פאַרגאָסן, וויפיל פּראָטעסטן זיי האָבן אָפּגעלייגט, און זיי האָבן בשום אופן ניט געקענט ברעכן די אוניווערסאַלע פאַרשווערונג פון שוויגן וואָס איז געמאַכט געוואָרן אויפ׳ן אומקום פון די אייראָ־פּעאישע אידן.

די וואָס לעבן היינט מיט אונז און געדענקען יענע טעג, געדענקען דעם מורא׳דיגן געשריי אין דער אידישער פּרעסע, דעם יאָמער אין אידישע הייזער, די אומצייליגע פאָלקס פאַרזאַמלונגען איבער דער לענג און ברייט פון אַמעריקע, די פּראָצעסיעס אין די גאַסן, דעם תענית ציבור און תהלים זאָגן אין די שולן, דעם מאַרש פון רבנים אין וואַשינגטאָן,

װעלכע רוזװעלט האָט ניט געװאָלט אױפֿנעמען. װאָלט ער זעקס הונ־דערט גלחים אױך ניט אױפֿגענומען?

אין דעמזעלבן טאָג האָט ער אױפֿגענומען אַ גרופּע פּױלישע פֿליער...

דאָ זײַנען נאָך אײניגע פּרטים, אײניגע פּרטים — אײניגע גרױלן:

הענרי מאָרגענטאַו, פֿינאַנץ־מיניסטער אין די מלחמה־יאָרן, דערציילט, װי אַזױ גרײַז־גרױע רבנים זײַנען געפֿאַלן צו די פֿיס פֿון ביוראָקראַטן אין דעם סטעיט דעפּאַרטמענט און מיט טרערן געװאַשן זײערע שיך, בעטנדיג רחמים. און װעגן מאָרגענטאַו׳ן אַלײן װערט דערציילט אַז ער האָט אײנמאָל, בשעת אַ באַזונדערס קריטישן ענין, אױפֿגעװעקט סעק־רעטערי האָל אינמיטן נאַכט און געפֿאָדערט געװיסע שריט, און װען יענער האָט אים געזאָגט אַז מען קען ניט, װײַל מען מוז זיך באַװעגן אין די ראַמען פֿון געזעץ, האָט אים מאָרגענטאַו געקלאַפּט אין טיש און געשריען: צו ה... מיט די געזעצן! דאָרט גײען מענשן אונטער!...

און פּרעזידענט רוזװעלט אַלײן, האָט פֿאַר אַלע שתדלנים, יחידים און דעלעגאַציעס, געהאַט אײן ענטפֿער: װאָס װילט איר, אונזערע „באָיעס" שלאָגן זיך דאָך מיט די נאַציס...

װען די גרעסטע ענגלישע צײַטונג אין אַמעריקע האָט דערהאַלטן די ערשטע ידיעה װעגן גאַזקאַמערן און קרעמאַטאָריעס פֿאַר אידן — געװיס די גרעסטע סענסאַציע אין דער געשיכטע פֿון דער אײראָ־פּעאישער קולטור! — האָט זי די נײַעס ניט געדרוקט מיט די פֿעטסטע בוכשטאַבן איבער דער גאַנצער ברײט פֿון דער ערשטער זײַט, נײן: זי האָט זי פֿאַרשטעקט אין אַ װינקל ערגעץ אױף דער זיבנצענטער זײַט. און װען מען האָט די רעדאַקציע געפֿרעגט: ס׳טײַטש? איז דער ענטפֿער געװען: מען האָט זיך געװענדט קײן װאַשינגטאָן, דורכצו־קאָנטראָלירן די ידיעה, און פֿון דאָרט האָט מען געראָטן „ניט אױפֿ־צושפּילן" די נײַעס...

דער אינטערנאַציאָנאַלער רױטער קרײַץ האָט די גאַנצע צײַט פֿון דער מלחמה אפֿילו ניט אַרײַנגעשמעקט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. פֿאַרװאָס? די אָפֿיציעלע דערקלערונג פֿון רױטן קרײַץ לױטעט: װײַל ס׳איז ניט געװען קײן אינטערנאַציאָנאַלער אָפּמאַך װעגן שוץ פֿאַר ציװילע. פֿאַר מלחמה־געפֿאַנגענע איז געװען אַ קאָנװענץ, פֿאַר ציװי־לע ניט.

װי מען זעט — אַ רײן טעכנישע זאַך. אָבער אױף אַ רײן טעכנישן פּונקט, זעט אױס, קען אױך אומגעבראַכט װערן אַן אומה אין דער צי־װיליזירטער װעלט!

ווער קען דאָס אַלץ אויסרעכענען אויף איין פוס, ווען גאַנצע ביכער וואָלטן ניט גענוג געווען?...

דאָך באַשולדיגט בען העכט די אַמעריקאַנער אידן, און די פירער פון ציוניזם און פון מדינת ישראל, אַז זיי האָבן באַהאַלטן און פאַר־שוויגן די גרויסע אידישע טראַגעדיע. ער שרייבט דורכאויס גלייך ווי די וועלט האָט ניט געוואוסט, און די ציוניסטישע גזלנים האָבן באַהאַלטן דעם חורבן אין זייער טאַש. אַזוי ווי מ׳וואָלט געקענט באַהאַלטן דעם אָקעאַן, אָדער פאַרשטעקן די לבנה אין בוזים־קעשענע. היטלער און יאָזעף געבעלס האָבן אין זייער יעדער רעדע פּראָקלאַ־מירט דעם סוף פון אידן. אַלע און אַלץ האָבן געוואוסט, די פויגל אויף די דעכער און די מייז אין די לעכער...

די אידישע טראַגעדיע אונטער די נאַציס איז שוין באַשריבן געוואָרן אין טויזנטער בענדער, אָבער אין זין פון סיסטעם איז זי נאָך אַלץ כמעט אַ ניט באַרירטער, אַ ניט באַטראַכטענער, אַ ניט צעצייכנטער ים. אָבער ווער עס האָט אַן אויג אויפ׳ן געטרייען שטערן און אין האַנט אַן ערליכן קאָמפּאַס, קען שוין געפינען זיין וועג צו אַן אינזל פון אמת. און אין דעם ברייטן ים פון אידישע טרערן און בלוט זיינען צעוואָרפן אַ סך אַזעלכע אינזלען און איינזעלעך. אויף אייניגע פון זיי, כמעט אין אַ זייט ליגנדיגע, לאָמיר דאָ אָנווייזן.

הערי ל. האָפּקינס, ווי באַוואוסט, איז געווען פּרעזידענט רוזוועלט׳ס פאַרטרויענסווערסטער פריינט און נאָענטסטער ראַטגעבער. אַזוי פאַר־טרויענסווערט און נאָענט, אַז ער האָט אַ לענגערע צייט געהאַט זיין ביוראָ דירעקט אין ווייסן הויז. נאָך זיין טויט זיינען געבליבן „געהיימע פּאַפּירן״. אין זומער פון 1948 האָט דער באַרימטער שריפטשטעלער און דראַמאַ־טורג ראָבערט שערוואוד געשריבן אין „קאָליער׳ס״ זשורנאַל אַ סעריע אַרטיקלען וועגן „די געהיימע פּאַפּירן פון הערי ל. האָפּקינס״.

אין דעם נומער „קאָליער׳ס״ דאַטירט אויגוסט 14, 1948, ווערט דערציילט וועגן אַ קאָנפערענץ אין וואַשינגטאָן, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 27טן מערץ, 1943, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליגט פּרעזי־דענט רוזוועלט, דער דעמאָלטדיגער ענגלישער אויסלאַנדס־מיניסטער אַנטאָני אידען, סעקרעטערי אָוו סטייט קאָרדעל האָל, הערי האָפּקינס און עטליכע אַנדערע. און פון יענער קאָנפערענץ שרייבט ראָבערט שערוואוד, אין נאָמען פון הערי האָפּקינס, דאָס פאָלגענדע:

„האָל האָט אויפגעהויבן די פראַגע וועגן די זעכציג אָדער זיבעציג טויזנט אידן אין בולגאַריע, וואָס זיינען געווען אין סכנה אויסגעראָטן

ווערן, סיידן מיר וועלן זיי ראַטעווען. ער האָט געפּאָדערט ביי אָנטאָני אידען אַן ענטפער אויף דעם פאַרשלאַג.

„אידען האָט געענטפערט, אַז די גאַנצע פּראָבלעם פון די אידן אין איראָפּע איז זעהר אַ שווערע און אַז מיר דאַרפן זיין זעהר פאָרזיכטיג מיט אַזאַ פּלאַן ווי אָנבאָטן אַרויסצונעמען אַלע אידן פון אַ לאַנד ווי בולגאַריע. אויב מיר טוען דאָס, דאַן וועלן אידן פון דער וועלט פאַר־לאַנגען, מיר זאָלן מאַכן ענליכע אָנבאָטן אין פּוילן און דייטשלאַנד. היטלער וועט גאַנץ מעגליך זאָגן ,יע' אויף אונזער פאַרשלאַג און מיר האָבן פשוט ניט גענוג שיפן און טראַנספּאָרטאַציע־מיטלען אין דער וועלט דאָס דורכצופירן.

„אידען האָט ווייטער געזאָגט, אַז די ענגלענדער זיינען גרייט צו נעמען נאָך זעכציג טויזנט אידן קיין פּאַלעסטינע, אָבער די פּראָבלעם אַריבערצופירן זיי איז זעהר אַ שווערע. נאָך מער: די דייטשן וואָלטן געוויס אַריינגעשמוגלט אַ צאָל אַגענטן אין דער גרופּע. זיי זיינען ביז איצט געווען גאַנץ דערפאָלגרייך מיט אַזעלכע מאַנעוורעס אַריינצור־שמוגלען אַגענטן, סיי אין צפון־אַמעריקע, סיי אין דרום־אַמעריקע" („פאָרווערטס", אויגוסט 12, 1948).

מערקט ווען די קאָנפערענץ איז צושטאַנדגעקומען: אין 1943; אין דעם סאַמע ברען פון די פלאַמען אין אוישוויץ, מאַידאַנעק, בערגען־בעלזען. און מערקט ווי אַזוי דער ענין איז באַהאַנדלט און פאַרענטפערט געוואָרן אין די גאָר הויכע פענסטער: פּויעריש פשוט, פאַרברעכעריש קאַלט, דיפּלאָמאַטיש ציניש. און וואָס פאַר אַ גליוועך פון נשמה עס טראָגט זיך פון דער סצענע!

און אָט איז נאָך אַן אינזעלע פון אמת אין דעם ים פון בלוט און שקר:

דער פּויפּסט, פּיוס דער 12טער, האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוקומען מיט אַ דעקלאַראַציע געגן די נאַצי־מאָרדן. דאָס איז געווען אַלגעמיין באַוואוסט, אָבער יעדער צווייפל איז אַוועקגעפאַלן ווען דער סטייט דעפּאַרטמענט אין וואַשינגטאָן האָט דעם 13טן מאַי, 1961, פאַרעפנט־לעכט אַ רייע דאָקומענטן „וועגן דעם פּויפּסט'ס אומווילינקייט צו פאַר־דאַמען די נאַציסטישע גרוילטאַטן". צווישן די דאָקומענטן איז דאָ אַ באַ־ריכט וואָס דער אַמעריקאַנער געזאַנדטער צום וואַטיקאַן האָט צוגע־שיקט דעם 3טן אויגוסט, 1942, וועלכער זאָגט צווישן אַנדערעס:

„די מיינונג איז, אַז דאָס ניט וועלן פּראָטעסטירן עפנטלעך פון דעם וואַטיקאַן געגן די נאַצישע גרוילטאַטן, שטעלט אין געפאַר זיין פּרעס־טיזש און גראָבט אונטער דעם גלויבן אין דער קירך און אין דעם הייליגן פאָטער אַליין".

דער אַמעריקאַנער געזאַנדטער אין בערן האָט אין אַ רעפּאָרט קיין וואַשינגטאָן געשריבן, אַז ניט געקוקט אויף אַלע אַמעריקאַנער באַמי־אונגען „באַדויער איך וואָס דער וואַטיקאַן זאָגט זיך אָפּ צו העלפן און האָט ניט קיין שום פּראַקטישע פאָרשלאָגן ווי אַזוי צו העלפן".

אַן אַנדער דיפּלאָמאַטישער קוואַל האָט באַריכטעט קיין וואַשינג־טאָן, אַז „דער וואַטיקאַן זעט אויס צו זיין איבערצייגט, אַז ווען דער פּויפּסט וועט אויסדריקלעך פאַרדאַמען די נאַצישע גרוילטאַטן, האָט ער מורא, אַז דאָס דייטשע פאָלק, פאַרביטערט פון זיין דורכפאַל, וועט שפּעטער אים באַשולדיקן, אַז ער האָט אינדירעקט בייגעטראָגן צו דער דייטשער נידערלאַגע".

דאָ זעען מיר אַ לעבעדיקן פאַל פון קריסטליכער ליבע און קריסט־ליכער רחמנות פּנים אל פּנים מיט פּאָליטיק, און די געטין פון פּאָ־ליטיק האָט גובר געווען דעם „גאָט פון ליבע" און פון רחמנות...

ווייטער זאָגט דער באַריכט פון דעם סטייט דעפּאַרטמענט:

דער וואַטיקאַן האָט לכתחילה זיך געפּרואווט אַרויסדרייען מיט'ן תירוץ, אַז די נאַצישע גרוילטאַטן געגן די אידן „זיינען נאָך ביז איצט אוממעגליך געווען צו באַשטעטיקן". דאָס ווערט אָפּגעשלאָגן אין די וואַשינגטאָנער דאָקומענטן מיט באַווייזן, אַז דער וואַטיקאַן איז אויס־פּירליך אינפאָרמירט געוואָרן, און אַז צווישן די דאָקומענטן וועגן דער נאַצישער אויסראָטונג פון אידן זיינען געווען דאָקומענטן וואָס זיינען געזאַמלט געוואָרן פון דעם זשענעווע־אָפּיס פון דער אידישער אַגענטור" („איטא" באַריכט, „פאָרווערטס", מאַי 14, 1961).

אָט וואו ס'ליגט די שולד פאַר'ן טויט פון די זעקס מיליאָן!

און די אידישע אַגענטור, הייסט עס, האָט יע עפּעס געטאָן צו ראַטעווען די זעקס מיליאָן, מר. העכט?

און לסוף לאָמיר ענטפערן בען העכט'ן מיט בען העכט'ן אַליין.

אין זיין בוך „טשאַילד אָוו דהי סענטשורי" (ז. 520) דערציילט ער, אַז איינמאָל איז קיין האָליוואוד געקומען דזשאָזעף קענעדי, דער פאָ־טער פון פּערזידענט קענעדי, וועלכער איז אין די מלחמה־יאָרן געווען אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין ענגלאַנד. געקומען קיין האָליוואוד, האָט ער אָפּגעהאַלטן אַ געהיימען מיטינג מיט פופציג פון די וויכטיגסטע אידישע מאָווי־מאַגנאַטן, די בערן פון דער אינדוסטריע, אין דעם הויז פון איינעם פון זיי. און דאָרט האָט ער זיי געזאָגט... און דאָ גיב איך איבער גענוי בען העכט'ס אייגענע ווערטער:

„ער האָט זיי געזאָגט שטרענג, אַז זיי טאָרן ניט פּראָטעסטירן ווי אידן, און אַז זיי טאָרן ניט אַרויסגעבן אין דרוק זייער אידישן צאָרן

געגן די דייטשן. יעדער אידישער אויסגעשריי, האָט קענעדי דער־קלערט, וואָלט געשטערט דעם זיג איבער די דייטשן. עס וואָלט גע־מאַכט די וועלט פילן, אַז ס'ווערט געפירט אַ אידישע מלחמה".

אָט דאָ האָט איר אַ מקור פון דעם „שוויגן". פאַרשטייט זיך אַז דאָס איז ניט געווען אַמבאַסאַדאָר קענעדי'ס פערזענליכע פּאָליטיק. ער האָט געבראַכט צו די אידן די פּאָליטיק פון אַמעריקע און ענגלאַנד. און אויב קענעדי האָט געפונען דעם וועג צו די אידישע פילם־פּאָב־ריקאַנטן אין האָליוואוד, האָט ער פונקט אַזוי געזוכט און געפונען דעם וועג צו די ענגלישע צייטונגען אין ניו יאָרק און אומעטום, און צו דער ראַדיאָ און אירע קאָמענטאַטאָרס און צו אַלע אַנדערע שפּינער און וועבער פון דער עפנטליכער מיינונג. וואָס האָט דאָ געקענט העלפן דער פאַרצווייפלטער געשריי פון אַ אידישן שרייבער: קומט, לאָמיר צעשמעטערן די פענסטער אין די ענגלישע רעדאַקציעס למאי זיי פאַרשווייגן דאָס גרויסע פאַרברעכן פון אידישער אויסראָטונג?

אמת רעדט בען העכט ווען ער שרייבט אויף אַן אַנדער אָרט אין דעמזעלבן בוך (ז. 268), אַז די אויסראָטונג פון די אידן איז געווען „אַ גאַנץ פּאָפּולערער פאַרברעכן" און אַז די רעגירונגען פון אַמעריקע, ענגלאַנד און רוסלאַנד האָבן אין אמת'ן איגנאָרירט די „שטורמישע עקזיסטענץ" פון דעמדאָזיגן פאַרברעכן. יע, אַלע רעגירונגען האָבן אָפּי־ציעל פאַרשוויגן די אידישע טראַגעדיע. זיך ניט געוואָלט אומקוקן אויף איר. אין אַלע רעדעס וואָס רוזוועלט און טשוירטשיל האָבן גע־האַלטן אין די יאָרן פון דער מלחמה האָבן זיי קיין איינציגן מאָל ניט דערמאָנט די אידן, ניט ווי שותפים און ניט ווי קרבנות. און עס האָבן ניט געהאָלפן קיין פּראָטעסטן און קיין תחנונים.

אַזוי קומען דידאָזיגע ווערטער פון בען העכט'ס מויל און פאַרדאַמען די אַנדערע רייד פון זיין מויל, אַז די ציוניסטן, די ציוניסטן, אָה די ציוניסטן! זיי האָבן באַהאַלטן וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין אוישוויץ, און ווען די וועלט וואָלט נאָר געוווּסט ...

נאָר אַ חוזק איבער זיך אַליין, זיין אייגענעם אויסלאַך פון זיין גאַנצן טייוולאָנישן „פערפידי", געפינען מיר אין „פערפידי" גופא. אין דעם סאַמע אָפּשלוס פון דעם בוך. אין די סאַמע לעצטע שורות. דאָרט שרייבט העכט, אַזוי צו זאָגן:

„אין פאַרלויף פון די אַלע מאָנאַטן, האָט דער ענגלישער (מיניסטאָרן) קאַבינעט זיך אָפּגעזאָגט צו באָמבאַרדירן אוישוויץ, אָדער די וועגן און בריקן וואָס פירן אַהין, אָדער צו נעמען וועלכן עס איז אַנדערן

ווירקזאַמען שריט וואָס וואָלט געהאָלפן פאַרמיידן די אויסראָטונג אָדער זי אָפּשטויסן״ (ז. 281).

יענער געטליכער כוח וואָס האָט געמאַכט בלעמ׳ען צו ריידן פאַר־קערט ווי ער האָט געמיינט, האָט אויך געפירט מיט בען העכט׳ס האַנט צו שרייבן דידאַזיגע שורות. וואָרים זיי זיינען דער סאַמע תוך פון דעם גרויסן וויכוח. זיי מעקן אָפּ דאָס גאַנצע בוך, גלייך ווי אַ טינטער טינט וואָלט זיך איבערגעקערט און פאַרגאָסן זיינע בלעטער. קודם כל שיקט זיך צו פרעגן: ווער האָט עס געפאָדערט די אַלע זאַכן פון דעם ענגלישן קאַבינעט? ווען האָט עס דער קאַבינעט אָפּגעזאָגט? בען העכט אַנטפּלעקט אונז ניט דעם סוד. דעם עיקר האָט ער „שכחתי״. אָבער דער סוד איז אַרויס פאַר גאַנץ בראָד אין די דאָקומענטן פון דעם ווייצמאַן־אַרכיוו וואָס זיינען אַריינגעבראַכט געוואָרן אין דעם אייכמאַן־פּראָצעס אין ירושלים. דאָרט איז דער „פאָרעין אָפיס״ מודיע ווייצמאַנ׳ען, און שרת׳ן, אַז באָמבאַרדירן אוישוויץ איז אַ מיליטערישע פראַגע, און דאָס מיליטער האַלט עס פאַר ניט פּראַקטיש.

אין אַנגעזיכט פון די אַלע פאַקטן, ווערט פאַרשטומט אין זינד און אין חרפּה דאָס גאַנצע בוך, וואו די גרויסע אידישע טראַגעדיע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטיק שונד. וואָס אַנדערש ווי אַ שטיק זינדיגע שונד איז אַ קאַפּיטל, וואָס דערציילט אונז, אַז היטלער — היטלער אַליין! — האָט „געהאַפט״, אַז דער פּלאַן פון אַ מיליאָן אידן פאַר צען טויזנט טראָקס „וועט געגומען ווערן ערנסט״, נאָר די ישראל־פירער האָבן פאַרראַטן (ז. 229). דער קאַפּיטל וואָס רעדט פון היטלער׳ס „האָפענונג״ טראָגט די איבערשריפט „פערפידי אין איזראַעל״. ווי צו דעם מויל, וואָס זאָגט אַזעלכעס, אַז היטלער האָט געוואָלט לעבן לאָזן אַ מיליאָן אידן, נאָר ווייצמאַן און בן־גוריון האָבן נעבעך צעשטערט זיין „האָפענונג״!

סוף כל סוף, נאָך זיין גאַנצן רויכערן און טשאַדען, בעט זיך העכט איבער מיט די גויים, נאָר ניט מיט די אידן. דער געשוואָרענער ציניקער הויבט אָן גאַנץ פּלוצלינג „גלויבן אין מענשן״ און אין זייער פעאיגקייט אויף „נאָבעלע מעשים״. מ׳דאַרף נאָר האָבן די ריכטיגע פירער צו זיי, זאָגט ער. און די פאַרשאָלטענע פאַררעטער פון ישראל האָבן משמעות געקענט זיין אַזעלכע פירער צו די פעלקער, און ווער ווייסט, שרייבט בען העכט, אפשר וואָלטן די הערצער פון ענגלאַנד און אַמע־ריקע זיך פאַרט דערוועקט (ז. 193), ווען מ׳זאָל נאָר געווען ריכטיג שרייען. צי דאָס וואָלט באַוויזן צו ראַטעווען די זעקס מיליאָן צי ניט, ווייס ער ניט אויף זיכער, זאָגט ער, אָבער מיט די ריכטיגע געשרייען

וואָלטן זיי וויינינגסטנס, מיינט ער, „געראַטעוועט דעם כבוד פון אונזער יאָרהונדערט". און דאָס הפנים איז ביי אים דער עיקר. דעם שיינעם יאָרהונדערט פון וועלכן בען העכט איז אַזאַ געראָטן קינד. ווען די אידישע פירער וואָלטן נאָר געוועז שרייען דאָס ריכטיגע געשריי, ס'וואָלט אפשר גאָרניט געהאָלפן, איז ער מודה, אָבער ס'וואָלט וויי־ניגסטנס געוועז אַן „ערנהאַפטע אויפפירונג".

און ער נעמט די גענזענע פען, און אפשר איז זי גאָר אַ גאַנערישע, אין דער האַנט, און לייגט אויס אויפ'ן פאַפיר זיין אָפּגעוואויגענע און אָפּגעמאָסטענע מיינונג, און זיין גערעכטן פסק דין פאַר דער געשיכטע, וועלכע שטייט אינדרויסן און וואַרט, לאמר, אַזוי צו זאָגן:

„אַזאַ ערנהאַפטע מענשליכע אויפפירונג וואָלט געוועז פון טיפערער ווערט פאַר דער וועלט איידער אַ טוץ מדינת ישראל'ס" (ז. 193).

זעט נאָר ווי ער וואַרפט זיך מיט אידישע מדינות: טוצנווייז!

און ער ווייס ניט, דער פרעמדער, אַז מדינת ישראל איז דער כבוד פון דעם צוואַנציגסטן יאָרהונדערט! יע, פון צוואַנציג יאָרהונדערטן.

נאָר ווער ס'קען זיך אַזוי לייכט וואַרפן מיט אַ „טוץ" מדינת ישראל'ס איז ניט ווערט אַ טוץ זעמדעלעך פון דער איין־איינציגער מדינת ישראל.

כאָטש העכט האָט אָנגעשריבן אַ גאַנץ בוך וועגן דעם חורבן און דעם ציוניזם, פאַרשטייט ער ניט דעם זין, ניט פון דעם ציוניזם און ניט פון דעם חורבן פון די זעקס מיליאָן. ער איז עס גאָרניט מסוגל. ער שניידט־צו די גרויסע עפּאָכע צו זיין אייגענער מאָס. פאַר בען העכט'ן איז דער ציוניזם נאָר אַ קאָנספּיראַציע פון אַ קליקע פּאָלקס־רויבער וואָס האָלטן אַ מדינה ביים גאָרגל. מאָנסטערס אַלע פון קאָפּ ביז די פיס.

דער ציוניזם, זאָל ער וויסן, איז אַ רעוואָלט פון אידן געגן דעם גלות, און דער חורבן פון די זעקס מיליאָן איז געווען אַ רעוואָלט פון דעם גלות געגן די אידן: דאָס איז „דאָס לאַנגע און דאָס קורצע" פון דעם גאַנצן ענין.

אָפּט האָבן שוין איד און גלות געשטריטן, נאָר קיינמאָל איז דער שטרייט ניט געוועז אַזוי פירכטערליך גרויס ווי דאָס מאָל.

דאָס מאָל איז עס געוועז אַ קאַמף אויף לעבן און טויט. אַ טאָטאַלע מלחמה. עד חרמה.

דער גאַנצער גלות איז אויפגעשטאַנען געגן אונז. אַלע זיינע פעלקער מיטאַמאָל, אין פאַרשידענע מדרגות פון קאַמף און שולד. די ערש־טע מדרגה איז געווען: די דייטשן, זיי האָבן אונז געברענט. די צווייטע מדרגה איז געווען: די פּאָליאַקן, ליטווינער, אוקראַינער; זיי האָבן

געהאָלפן מיט'ן פייער, מיט מעסערס און מיט העק. די דריטע מדרגה זיינען געווען די פעלקער מיט בינאָקלען: די וואָס זיינען געזעסן אַזוי ווי אין די לאָזשעס און זיך צוגעקוקט ווי צו אַ פאָרשטעלונג.

ווי אַזוי האָבן מיר, אידן, דאָ געקענט מנצח זיין? אָדער אַפילו נאָר איינשטילן דעם צאָרן?

דער גלות האָט געוואָלט פאַרענדיגן מיט דעם איד. איינמאָל פאַר אַלע מאָל. נאָך דער מלחמה, ווען אַן איבערגעבליבענער איד האָט זיך דערשלעפּט צוריק קיין פוילן, האָט מען אים דער'הרג'עט אין זיין אייגענעם אַמאָליגן שטעטל. „מיר ווילן ניט זען די סינאַגאָגע ווידער אויפקומען אויף פוילישער ערד", האָבן די פּאָליאַקן געזאָגט. און זיי האָבן אויפגעשפּילט דעם גרויסן פּאָגראָם אין קיעלץ. דאָס איז געווען דער פינאַל אין פוילן.

און היינט ציט זיך נאָך די זעלבע פרשה ווייטער. די געצוואונגענע אַסימילאַציע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אויך אַ המשך פון אוישוויץ, מיט אַנדערע מיטלען.

און „פערפידי" איז אויך נאָך אַ המשך פון אוישוויץ. דאָ שינדט מען לעבעדיגע אידן, נוסח אוישוויץ, דאָ ברענט מען אויך אידן.

דאָ נעמט מען אַראָפּ די שולד פון די גוים און מען לייגט זי אַרויף אויף די אידן אַליין. די זינד איבער אַלע זינד פון דער וועלט, וואָלגערט מען אַרויף אויפ'ן אידישן געוויסן: אַ משא צו שווער צו טראָגן. און אַ שטראָף ניט קיין פאַרדינטע.

קיין איד טאָר ניט זאָגן „איך בין ריין פון שולד". אָבער קיין איד קען אויך ניט זאָגן: דו, דו ביסט דער שולדיגער!

דעם לעצטן משפט וועט שוין מסתמא קיינער ניט קענען משפט'ן, נאָר דער איינער, וואָס צו אים געהערט דער משפט.

אָבער ווי לאַנג נאָך וועלן אידן זיין אין דער בחינה פון אַ „לועג לרש" איבער זיך אַליין? ווי לאַנג נאָך וועלן אידן אַליין עסן איינער דעם אַנדערן דאָס האַרץ? וויפיל האַרץ איז אונז אינגאַנצן געבליבן נאָכ'ן חורבן?

צייט אויסצולעשן די פייערן פון מחלוקת. צייט אויסצולעשן די פייערן פון אוישוויץ.

אָבער „פערפידי" טראָגט פייער פון אוישוויץ.

דאָס פייער פון אַלע פייערן.

עפּילאָג

ס׳האָט אַמאָל איינער געשריבן: דרוק און שיס־פּולווער וועלן אומ־ברענגען די וועלט. „פּערפּידיי״ פון בען העכט איז אַ מוסטער פון דעמ־דאָזיגן מין פאַרניכטנדיגן, ניהיליסטישן דרוק. איך זאָג אייך: אין דער געגנוואַרט פון אַזאַ בוך איז אַ חרפּה צו זיין אַ שרייבער. אין דעמדאָזיגן אומווירדיגן ווערק איז אמת געוואָרן, ווען אפילו נאָר אויף אַ קורצער רגע, די אַלטע לערע פון מאַנכע אין דער אַמאָליגער קאַ־טוילישער קירכע, אַז שרייבעריי איז די דערפינדונג פון דעם טייוול.

אַזאַ בוך שרייבט אַ שד פאַר שדים, ניט אַ מענש פאַר מענשן. און אַוודאי ניט אַ איד פאַר אידן.